יונה צעשינסקים ביבליאטעק

# יודישע פאָלקס-ליעדער

פון

## מ. מ. וואַרשאַווסקי.

מיט צוויי פאָררעדעס פון שלום-עליכם.

צווייטע אויפלאַגע

מיט א 2טער טייל נייע נאָך אין ערגיץ ניט געדרוקטע ליעדער, פערבליבענע צווישען די כתבים פון דעם פערשטאָרבענעם פערפאַסער.

הויפט-פערקויף
מאַקס נ. מייזעל
אידישער פערלאַג פיר ליטעראַטור און וויסענשאַפט
424 GRAND STREET, NEW YORK, N. Y.
1918

# ייִדישע פֿאָלקס־לידער

אַ פּאָר ווערטער

# צו וואַרשאַווסקי׳ס ליעדער.

פֿון

## שלום־עליכם.

====

וואונדערבאַר איז די געשיכטע פֿון אונזער פֿאָלק ישׂראל, וואונדערליך איז אונזער יודישע ליטעראַטור, נאָר נאָך מעהר וואונדערליך איז די ביאָגראַפֿיע פֿון אונזערע שרייבער, פּאָעטען און משוררים. אייגענטליך איז ביי אונז יודען נישטאָ קיין שרייבער ווי ביי לייטען, דאָס הייסט נישטאָ ביי אונז אַזעלכע, וואָס זאָלען זיך אָפּגעבען נור מיט שרייבעריי אַליין; מע קאָן זאָגען, אַז ביי אונז איז כמעט נישטאָ קיין איינציגער שרייבער, וואָס זאָל לעבען פֿון דער פֿעדער. ביי אונז שרייבט יעדער ווער עס ו ו י ל, ניט דער וואָס ק ע ן, ווארום דער וואָס ק ע ן יענער ק אָ ן ניט שרייבען, מחמת ער איז פֿערטראָגען גאָר אין עפּיס אַנדערש, אין דאגות־פּרנסה, ער זוכט אַ שטיקעל ברויט... דריבער וואַלגערען זיך ביי אונז אָפֿט מאָל טאַלאַנטען, וואָס געהען לאבוד, ווערען פֿערפֿאַלען. מע בעדאַרף נישט מיינען פֿון דעסטוועגען, אַז ביי אונז שרייבט מען חלילה ווינציגער, ווי ביי אַלע אַנדערע פֿעלקער; אדרבה, צווישען יודען געפֿינט איהר אַ סך, אַ סך אַזעלכע וואָס שרייבען און שרייבען און הערען ניט אויף צו שרייבען, פֿערגיסען טייכען טינט, פֿיהרען איבער פּאַפּיר און פֿענעס אומברחמנות, און דרוקען ביכער און ביכלעך אין די טויזענדער. נאָר נישט פֿון דעם מין שרייבער וויל איך רעדען אַצונד. איך רעד פֿון די אמת׳ע טאַלאַנטען, וואָס ליגען אין דער פֿערבאָרגעניש, וואָס יאָגען ניט אַרויסבעווייזען זיך אויף דער יודישער וועלט און וואָס מע בעדאַרף זיי ז ו כ ע ן און ג ע פֿ י נ ע ן.

איינער פֿון די דאָזיגע טאַלאַנטען איז דער פֿערפֿאַסער פֿון די „יודישע פֿאָלקס־ליעדער“, מ. מ. ו ו אַ ר ש אַ ו ו ס ק י. דאָס איז אַ נייער פּאַרשוין, אַ גאַסט אין אונזער פֿאָלקס־ליטעראַטור און פֿערדיענט מע זאָל זאָגען איבער איהם און איבער זיינע ליעדער עטליכע ווערטער.

מ. מ. וו אַ ר ש אַ וו ס ק י איז, ווי דאָס רוב פֿון אונזערע שרייבער, אַ מענש אַ פֿערנומענער (ער איז אַ יוריסט), וואָס האָט נישט קיין צייט אָפּצוגעבען זיך מיט ליטעראַטור, נאָר אַז ער האָט אַ פֿרייע מינוט זינגט ער זיך אַ יודיש ליעדעל, זיין אייגענע אַרבייט, מיט אַ יודישער מעלאָדיע, וואָס ווערט ביי איהם בעשאַפֿען אין איינעם מיט די ווערטער. ער האָט נישט אין זינען געהאַט אַרויסגעבען זיינע יודישע ליעדער פֿאַר׳ן פֿאָלק און אפילו אָנשרייבען זיי אויף פּאַפּיר, ביז עס האָט זיך געמאַכט, אַז גאָר אומגעריכט, צוריק מיט אַ יאָהר דריי־פֿיער, האָבען

אייניגע פון זיינע בעקאַנטע (און איך אויך בתוכם) דערהערט איהם זינגען און שפּיעלען זיינע יודישע ליעדער—און מיר זענען אַלע געווען ענציקט. מיר האָבען דערהערט אַ ניי מין געזאַנג, מיר האָבען דערפיהלט אַ פרישען געשמאַק, אַ בעזונדער מין זיסקייט, סיי אין די ווערטער, סיי אין דער מעלאָדיע, און מיר האָבען זיך צוגעזעצט צו איהם, ער זאָל זיי אַרויסשרייבען אויף פּאַפּיר.—און פון יענער צייט אָן קאָן מען שוין הערען וואַרשאַווסקי׳ס ליעדער זינגען אין אַ סך יודישע הייזער דאָ אין קיעוו, און אויך אין אַנדערע שטעדט וואָס אין אונזער געגענד.

מען זאָל פערשטעהן אַקוראַט וואַרשאַווסקי׳ס ליעדער מוז מען זיי הערען זינגען, וואָרום דאָס זענען נישט גלאַט אַזוי שירים וואָס גראַמען זיך—שטראָם-גראָם, דאָס זענען ליעדער און ליעדער פאַר׳ן פּאָלק; דאָס זענען אַזעלכע ליעדער, וואָס אין זיי שפּיגעלט זיך אָפּ, ווי אין אַ לויטער וואַסער, דאָס גאַנצע לעבען פונ׳ם יודישען פּאָלק מיט אַלע יודישע פריידען און ליידען, יודישע צרות, דער יודישער דלות, יודישע טרעהרען... וואַרשאַווסקי׳ס ליעדער זענען נישט נאָר קינות, קלאָגליעדער אַליין; אדרבה, מערסטענטהייל פון זיי זענען דוקא פרעהליכע, לעבעדיגע ליעדער, וואָס אפילו אז זיי הויבען זיך אָן טרויעריג, מיט איין אומעטיגען מאָטיוו, לאָזען זיי זיך אָפּטמאָל אויס מיט אַ געלעכטער:

אַז מע צאַפּט פון מיר דאָס בלוט אַרויס
און מע מוטשעט מיך פּאַמעלעך,
לאָך איך מיך גוט פון מיינע שונאים אויס
און געה מיר גאָר אַ פרעהלעך!...

נאָר אַז אָך און וועה איז צום געלעכטער! אין דעם גאַנצען פרעהליכקייט הערט זיך אַ געוויין, אין זיין געלעכטער הערט מען טרעהרען... נאָר וואַרשאַווסקי׳ס העלדען האָבען פיינט בעקלאָגען זיך:

ווי פאַר׳ן עמוד
זינגען זיי תמיד...

זיי זענען צום מיינסטען טאַקע גרויסע אָרעמע לייט, נעבאָך קבצנים, נאָר פריילעכע קבצנים:

האָטש איך בין מיר אַ אָרעם יודעל
און עס דאַרט מיר גוט דער מח,
שמחת-תורה זינג איך אַ ליעדעל
און מאַך אַ גוטע כוסה אויך!...

זיי זענען צום מיינסטען גרויסע בעלי-בטחון, זיי גלויבען אין גאָט און זענען מקבל באהבה אויף זיך אַלע צרות, סיי די וואָס פונ׳ם אויבערשטען, סיי די וואָס פון מענשען, סיי פון פרעמדע, סיי פון אייגענע... זעלטען חאַפּט זיך אַרויס ביי איהם אַ קלאָג, אַז:

ביי יעדען איז אַ יום-טוב דאָס שטיקעלע לעבען
ביי מיר איז דאָס לעבען שוואַרץ ווי די ערד...

זעלטען, זעלטען חאַפּט זיך אַרויס ביי איהם אַ געוויין: „עס זינגט זיך ניט, עס זינגט זיך

ניט״! ... פערקעהרט, ביי יעדען אונגליק, ביי יעדער צרה שלא תבא, פערענטפערט ער דעם רבונו של עולם און זאגט דעם געוויסען „גם זו לטובה״:

איך בין קראנק, איך שפיי מיט בלוט,
אין בקור חולים נעמט מען מיך ניט...
איך שטארב, איך געה אויס ווי א לעכט, —
שא! ברידער, גאט איז גערעכט...

ער רעדט זיך אויס דאס הארץ, אז אמאל, ניט היינט געדאכט, איז געווען א סך, א סך ערגער, און ער טראגט נישט קיין שנאה, קיין פערדראס אויף זיינע שונאים, אדרבה ער וואלט טרינקען מיט זיי „ברידערשאפט״:

טהייערע מלכה,
געזונד זאלסט דו זיין!
פאר וועמען זאל איך טרינקען
דעם דאזיגען וויין? — א. אז. וו.
איך וואלט טרינקען פאר מיינע שונאים,
נאר זאג זיי ניט אויס! — א. אז. וו.

**װארשאװסקי׳ס העלד איז א גרויסער מאמין, און חאטש די נאכט איז לאנג, חאטש די נאכט איז פינסטער, גלויבט ער פון דעסטוועגען, אז אט געהט אויף די זון אין ציון, ער זעהט איהר שיין פון דער וויימען, ער הערט הימעלשע געזאנגען פון פייגעל וואס פליהען דא און דארט:**

די הענט שוין אויפגעבונדען,
צעבראכען ליגט די קייט...
דער גלות איז פערשוואונדען
פערשוואונדען צער און לייד!...

ווי באלד אזוי איז ער דאך גערעכט אז ער זינגט:

וואס־זשע דארף מען, ברידער, אומעטיג זיין?
ס׳איז איין עבירה, כ׳לעבען, א גרויסע —
אמעהר טראגט אריין איין עמער וויין,
לאמיר מאכען בעסער א כוסה! —
זיך מוטשען און זינגען ליעדער,
פליעסקעט, פליעסקעט, ברידער!...

וואס נאך פאר א סוד ליגט אין װארשאװסקי׳ס ליעדער?—וואס זיי זיינען פראסט און עכט יודיש, נישט גע׳מלאכה׳ט—און דאס איז אמת׳ע פאעזיע. וועמען איז נישט בעקאנט דאס בילד פונ׳ם יודישען חדר:

אויפ׳ן פריפעטשיק ברענט א פייעריל
און אין שטוב איז היים,

און דער רבי לערנט קליינע קינדערליך
דעם אלף-בית...

אָדער ווי געפֿעלען אייך, אַ שטייגער, „שרה און רבקה" די צוויי שוועסטער פֿון „ראַחמעס-טריוועס"? און דאָס בריוועל פֿון אַמעריקע, וואָס אַ זוהן שרייבט צו זיין מאַמע און גיט איהר אָפּ אַ גריס פֿון יעדען בעזונדער: פֿון לאה'ניון און פֿון דבורה'לען, וואָס ווייזט מיט'ן גרויסען פֿינגער אויף דער באַבעניס פּאַטרעט:

און מיין שענער יונג מיין סאַני
אַרבייט, גאָלדינע האָט ער הענט!
משה'לע זאָגט שוין „מודה אני",
רחל'ען וואָלסט דו ניט דערקענט...

אָט אַזוי זינגען זיך יודישע, באמת, יודישע פֿאָלקס-ליעדער! אויך די שפּראַכע פֿון וואַרשאַווסקי'ס ליעדער איז די אמת'ע פֿאָלקס-שפּראַכע, אַ פּראָסטע יודישע קאַפּאָטע, נישט געקינצעלט, נישט פֿערדייטשערט, פּונקט אַזוי ווי מען רעדט ביי אונז אין אונזער געגענד*). איך בין רעכט איבערצייגט, אַז עס וועט גאָר נישט לאַנג געדויערען און וואַרשאַווסקי'ס „יודישע פֿאָלקס-ליעדער" וועלען ווערען ביי אונז באמת פֿאָלקס-ליעדער, וואָס מע וועט זיי קאָנען הערען זינגען אומעדום, אין יעדער יודישער שטוב, דאָרט וואו מען הערט נאָך אַמאָל אַ יודיש וואָרט, דאָרט וואו מען שעמט זיך נישט מיט אונזער אָרעמע, יודישע, פֿאָלקס-שפּראַכע, וואָס מען רופֿט זי „זשאַרגאָן"...

אוגוסט 1900 קיעוו

**שלום-עליכם.**

*) מיר בעטען ביי די, וואָס די אויסשפּראַכע איז ביי זיי אַ ליטווישע, זיי זאָלען מוחל זיין וואַרשאַווסקי'ן די גראַמען: „וואונדער—קינדער, מוטער,—ביטער בלוט—ניט, צו—פריה, זיס—פוס", וכדומה אַזעלכע פערזען, וואָס פאַר'ן ליטווישען לעזער קומען זיי אויס פּריקרע. דערפאַר זענען מיר מוחל די ליטווישע שרייבער זייערע גראַמען: „שונאים—פנים", ווייל „פנים" לייענט זיך ביי זיי ווי ביי אונז „שונאים", אָדער די גראַמען: „אויך—גיך", ווייל „אויך" לייענט זיך ביי זיי „עך" און „גיך"—„געך"... אויך די מאָס פון די פערזען איז ביי וואַרשאַווסקי'ן נישט אויסגעהאַלטען אומעדום גלייך, ווייל ער געהט מיט דעם גאַנג, אַז אין ליעדער איז נישט די מאָס דער עיקר; ער בויעט זיינע ליעדער אויף דעם אַרט, ווי עס האָט געשריבען גאָלדפאַדען, וועלכען ער שעצט גאַנץ הויך אַלס פאָלקס-דיכטער און האַלט זיין שרייבען פאַר אַ מוסטער ביים צ.נויפלעגען פאָלקס-ליעדער אין זשאַרגאָן.

### די געשיכטע

## פון ווארשאווסקי׳ס ליעדער.

(צו דער צווייטער אויפלאגע).

דאס איז געווען מיט א יאהר 14־15 צוריק. אין א געשפרעך מיט א געשוואוירענעם אדוואקאט אין קיעוו (מ. מ—ר) דערצעהלט מיר דער דאזיגער אדוואקאט א מעשה, אז יענע וואך איז ער געפאהרען מיט זיינעם א קאלעגא, אויך א געשוואוירענער אדוואקאט, מ. מ. ווארשאווסקי, פון קיעוו קיין וואסילקאוו אין געריכט אריין, האט איהם אט דער ווארשאווסקי דעם גאנצען וועג געזונגען יודישע ליעדלעך אין „זשארגאן", נאר אזעלכע, וואס צעגעהען זיך ממש אין אלע איברים. בעזונדער איז איהם פערבליבען אין טעם א ליעדעל, וואס הויבט זיך אן מיט די ווערטער:

„אוי מאכט חאנצי בולקעס!
אוי, באקט זי בייגעל!"...

— וועמענס ליעדלעך זענען דאס? וואו קריגט מען זיי און וואו זענען זיי געדרוקט?

— זיינע אייגענע ליעדלעך, אין ערגיץ ניט געדרוקט. ער אליין מאכט די ליעדער, ער אליין בעשאפט די מוזיק צו זיי און ער אליין זינגט זיי—אלסדינג אליין.

— סטייטש, וואס־זשע שווייגט איהר? גיט איהם אהערצו, אט דעם פויגעל!

און ס׳איז געבליבען, אז אין א פרייען טאג ברענגט ער מיר איהם צופיהרען.

דער נאמען ווארשאווסקי איז מיר געווען בעקאנט פון לאנג אין קיעוו. דאס איז געווען א געשוואוירענער אדוואקאט, א טיפ פון יענעם מין געשוואוירענע אדוואקאטען, וואס חאפען ניט קיין שטערען, קנאקען ניט, לאזען זיך ניט הערען אויף דער וועלט, זיצען זיך שטיל אין זייער קאבינעט, קוקען לאנג־לאנג ארויס אויף א קליענט, נאר אז דער קליענט איז געקומען, איז ער שוין זיכער, אז ער האט געטראפען ניט צו קיין אדוואקאט, וואס קוקט איהם אין דער האנד אריין און שאצט איהם די קעשענע, נאר צו א פריינד, צו א ברודער, וואס וועט איהם אויס־הערען ווי א פריינד און בעהאנדלען ווי א ברודער.

פערשטעהט זיך, אז אזעלכע מענשען פלאגען זיך זייער גאנץ לעבען, פיהרען א ביטערע מלחמה, קומען קוים־קוים אויס מיט׳ן שטיקעל ברויט און ווערען געעלטערט פאר דער צייט.

אויף ווארשאווסקי׳ן איז דאס אבער געווען שווער צו דערקענען. דאס איז געווען א פארשוין א לעבעדיגער, איין אמת׳ער כתריליק—איין ארעמס און א פרעהליכס, און צווישען חברה געשוואוירענע אדוואקאטען—די נשמה. קיין אבענד, קיין יום־טוב, קיין קערמעשעל איז זיך ניט בעגאנגען אהן מארק מארקאוויטשען. ווארום מארק מארקאוויטש ווארשאווסקי האט געהאט א

בעזונדערען טאַלאַנט אויף צו פרעהליך מאַכען דעם עולם מיט זיינע אויסגעצייכענטע הומאָריסטישע עקספּראָמטען אין ריימען, וואָס ער האָט אייך געקאָנט, ווען איהר ווילט, צוטראַכטען צו יעדען איינציגען נאָמען און מיט דער בעסטער כאַראַקטעריסטיק אָפּשילדערען אייך א מענש׳ען אין דריי־פיער ווערטער.

קופּערניק מיט זיינע גלענצענדע רעדעס און וואַרשאַווסקי מיט זיינע עקספּראָמטען־קופּלעטען האָבען גע׳שמ׳ט אין שטאָדט און ביידע זענען געווען געליעבט אין אַלע אינטעליגענטישע קרייזען פון קיעווער ראַיאָן. נאָר אַז דער זעלביגער וואַרשאַווסקי קאָן אויך יודישע ליעדלעך מאַכען אין „זשאַרגאָן"—דאָס איז מיר אפילו אויף די געדאַנקען נישט געקומען. מען קאָן זיך דעריבער פאָרשטעלען, מיט וואָס פאַר א נייגיעריגקייט איך האָב אַרויסגעקוקט אויף וואַרשאַווסקי׳ן מיט זיינע ליעדלעך.

די עטליכע טעג זענען אַריבער—מע האָט מיר געבראַכט דעם פויגעל.

אַ מענש פון אַריבער פופציג, קורצען וואוכס מיט קורצזיכטיגע, נאָר שמייכלענדיגע און אַ סך רעדענדיגע אויגען, גוט געפּאַקט, איין אָפּגעטראָגען רעקעל מיט אַ ביסעל אויסגעריבענע עלענבויגענס, איין אַלטגעזעסענער שניפּס, אַ גיך געננעל, אַ שען קול און אַ שטאַרק הילכיגער געלעכטער—אָט דאָס איז וואַרשאַווסקי׳ס פּאָרטרעט.

דער גאַסט האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטען, זיך אוועקגעזעצט צום פּאָרטעפּיאַן און גענומען זינגען און זיך אַליין אַקאָמפּאַנירען זיינע שענע ליעדער מיט אַזוי פיעל הומאָר און געפיהל און מיט אַזאַ שענער, האַרציגער שטימע, אַז איך האָב איהם פּשוט אַרומגעחאַפּט קושען:

— גזלן! פאַר וואָס לאָזט איהר ניט אָפּדרוקען די דאָזיגע ליעדער? ווען איך זאָל ניט וויסען, אַז דאָס זענען אייערע אייגענע, וואָלט איך געמעגט שווערען, אַז איך האָב זיי אַמאָל געהערט זינגען פון מיין מאַמען!

אַזוי פיעל פאָלקסטימליכקייט האָט זיך געפונען אין די ווערטער און אַזוי פיעל פּראָסטקייט אין זייערע מעלאָדיעס!

דער געדאַנק פון לאָזען דרוקען די ליעדער איז אָבער געווען פון וואַרשאַווסקי׳ן אַזוי ווייט, אַז ער האָט גאָרניט געוואָלט הערען דערפון. און דערצו האָט ער זיך מיר מודה געווען, אַז חאָטש ער האָט אַמאָל געשטודיערט אין דער ראַבינער־שול (אין זשיטאָמיר), האָט ער יודישקייט געלערענט אַזוי ווינציג און פערגעסען אַזוי פיעל, אַז ס׳איז איהם שווער אפילו אָנצושרייבען זיינע ליעדער אויף פּאַפּיער.

קעגען דעם האָט זיך אָבער געפונען אַ מיטעל—און מיר האָבען איהם גענומען אטאַקירען פון אַלע זייטען אַזוי לאַנג, ביז מע האָט ביי איהם גע׳פועל׳ט, ער זאָל מיר דיקטירען דעם טעקסט, און פאַר אַ מוזיקער—די נאָטען, און דער ערשטער באַנד וואַרשאַווסקי׳ס ליעדער איז למזל צעגויפגעשטעלט געוואָרען, און מע האָט זיך גענומען זיי אַרויסגעבען על חשבון החברה פון קיעיו.

יענע צייט איז געווען די צייט פון „ציוניזם": ציוניסטישע אָבענדען, פערזאַמלונגען און דיסקוסיעס. און אַזוי ווי די פערזאַמלונגען זענען בעשטאַנען פון סאַמע הייסע דעבאַטען און טרוקענע—אָפּטמאָל אַביסעל צו טרוקענע—רעדעס, האָט מען זיך שטאַרק גענויטיגט אין אַ פּערבייסעכטס, אין אַ מין קאָמפּאָט—„פּאור לאַ באָן באוש", ווי דער פראַנצויז דריקט זיך אויס.

דער דאָזיגער קאַמפּאַט איז געווען די ערשטע צייט שלום-עליכם׳ס „מעשיות״, און דערנאָך איז צוגעקומען אויך וואַרשאַווסקי׳ס ליעדער.

ס׳איז כמעט ניט אַוועקגעגאַנגען איין אָבענד, איין ציוניסטישע פערזאַמלונג, מע זאָל אונז ניט שלעפּען פון „קרעשטשאַטיק״ אויף „פּאָדאָל״ און פון „פּאָדאָל״ אויף „קרעשטשאַטיק״. איך האָב געמוזט עפּיס פאָרלייענען, און וואַרשאַווסקי האָט געמוזט עפּיס זינגען — און ניט „עפּיס״ זינגען, נאָר טאַקי אַ סך זינגען! אַלסדינג, וויפיעל ער האָט פערמאָגט, האָט ער געמוזט אויסזינגען, גאָר אָהן אַ שום תירוץ, — חאָטש נישט מיין לייענען, נישט וואַרשאַווסקי׳ס געזאַנג האָבען זיך אָנגעקעהרט מיט׳ן ציוניזם. ס׳איז שוין אָבער געוואָרען אַזאַ רגילות — פערפאַלען! אָנגערעדט זיך ווי די פּויקען און אָנגעגעסען זיך מיט דעבאַטען, האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ טישעל, צוגעוויפּגערוקט די ביינקלעך, אַוועקגעזעצט שלום-עליכם׳ן אויבענאָן, און די ערנסטע פער׳עסק׳טע פּנים׳ער האָבען שוין בעצייטענס, אויף קרעדיט, געשענקט אַ שמייכעל, און ס׳איז אַרוים אויף דער סצענע בתרילעווקע, און דער עולם האָט זיך געפיהלט גאַנץ יום-טוב׳דיג.

נאָר דער אמת׳ער יום-טוב האָט זיך אָנגעהויבען ערשט דעמאָלט, אַז וואַרשאַווסקי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי׳ם ראָיאַל. באַלד נאָך די ערשטע צוויי-דריי ליעדער האָבען אָנגעהויבען פליהען בעשטעלונגען פון אַלע זייטען, ווי פון געבעטענע בעלי-בתים אויף אַ חתונה:

— „טייערע מאַמע״!

— „אַ גוט מאָרגען, יענקעלע״!

— „תנחום דער טרובאַטש״!

— „די מיזינקע״! „די מיזינקע״!

— „שמחת-תורה״! „שמחת-תורה״!

און דער גוטער וואַרשאַווסקי, וואָס האָט ניט געוואוסט וואָס הייסט אָפּזאָגען, אַז יענער וויל, האָט אויסגעהערט אַלע בעלי-בתים און מיט פערגעניגען געגעבען יעדען בעל-הבית, וואָס ער פערלאַנגט, נעבאָך גוט געשוויצט, גלייך ווי מע וואָלט איהם געצאָהלט דערפאַר מי יודע וויפיעל!

נישט איין מאָל, געהענדיג פון די אסיפות ביינאַכט צו-פוס (אויף צו בעשטעלען פאַר די אומזיסטע „אַרטיסטען״ אַ פאַיעטאָן — דערויף איז קיינער ניט געפאַלען), האָט ער מיר מיט זיין הילכיגען גוטמוטהיגען געלעכטער איבערגעגעבען און בעוויזען, אַז דאָס העמד איז אויף איהם „פּיטש-נאָס״.

— חאָטש אויסצודרעהען, אַ רוח אין זייער פאָטער און מוטער אריין, חאַ-חאַ-חאַ!

נאָר אָט איז געקומען די צייט, ער זאָל שוין אַמאָל דערלעבען נחת אויך. עס איז אַרוים מיט גאָט׳ס הילף דער באַנד מיט ליעדער (לערך מיט אַ יאָהר צעהן צוריק) געדרוקט אין קיעוו בהשתדלות פון פריינד און ציוניסטען. און מחמת די ליעדער זענען שוין געווען בעקאַנט פון אַ סך פריהער, האָט מען די ערשטע טויזענד ביכלעך צעכאַפּט ווי מצה-וואַסער, נישט איבערגעלאָזט אפילו אויף אַ רפואה.

מאַהלט אייך, קיין גרויסע גליקען האָט דער מחבר ביי דעם געשעפט ניט געקאָנט מאַכען. ער איז געווען גליקליך, וואָס זיינע פריינד האָבען געדעקט די קאָסטען. אַ בעלן אויף אַרויסצוגעבען די צווייטע אויפלאַגע האָט זיך עפּיס ניט געפונען. אַ קונה, וואָס זאָל וועלען בעצאָהלען דערפאַר דעם „מחבר״ עטליכע הונדערטער במזומן — אודאי ניט (פאַר זשאַרגאָנישע ליעדלעך

מזומן געלד ?). אליין ארויסגעבען דאָס ביכעל—האָט וואַרשאַווסקי ניט פערמאָגט קיינמאָל אַזאַ גרויסען קאַפּיטאַל. סיידען מיט דער צייט, אַז דער אויבערשטער וועט רחמנות האָבען ? . . . גאָט, אַז ער וויל, קען ער ! . . .

דערפאַר האָט ער אָבער געהאַט כבוד—אַ יובילייִ !

איך מאַך ניט קיין שפּאַס : מיר האָבען איהם געפּראַוועט אַ יובילייִ.

אַזוי האָט דאָס טאַקי געהייסען : „ד ע ר א נ ד ע ר ה א ל ב ע ן ־ י אָ ה ר י ג ע ר י ו ב ל פ ו ן ו ו א ר ש א ו ו ס ק י ׳ ס ל י ע ד ע ר“.

דאָס האָט בעדאַרפט הייסען : אַזוי ווי אַנדערהאַלבען יאָהר האָבען זיך וואַרשאַווסקי׳ס ליעדער בהשתדלות פון פריינד און ציוניסטען געדרוקט און זענען מיט גאָט׳ס הילף אין אַ גוטער שעה אַרויס פון דרוק—איז אַ גוט יום־טוב אייך, יודען !

דעם יובל האָט מען „געפייערט“ טאַקי ביי מיר אין שטוב. פורים איז דאָס געווען (אויב איך האָב קיין טעות ניט), נאָך דער סעודה.

אַ יום־טוב איז דאָס געווען דוקא אַ פרעהליכער, מיט טאָסטען און מיט רעדעס.

סאַמע אין מיטען יום־טוב האָבען זיך אַריינגעריסען אַ בינטעל קיעווער סטודענטען, יונגע לייט וואַרעמע, היציגע, יודיש בלוט, און מע האָט געמאַכט אַ כוסה, און מע האָט געהויבען אַ טאָסט, און מע האָט גערעדט אַ רעדעניש, און מע האָט געלויבט דעם מחבר אין טאָג אַריין, געבענשט איהם מיט׳ן נאָמען : „דער יודישער בעראַנזשע“, און מע האָט געכאַפּט אַ רקוד׳על מיט׳ן בעל־היובל און מיט׳ן בעל־הבית, און מע האָט געטאַנצט און מע האָט געזונגען—חיי געלעבט !

ווי נאָר ס׳איז אויסגעפערקויפט געוואָרען דאָס ביכעל, איז דער נאָמען פון וואַרשאַווסקי׳ס ליעדער גיך געוואָרען מפורסם נישט נור אין קיעוו און אַרום קיעוו, נאָר ווייט־ווייט איבער׳ן גאַנצען לאַנד איז כמעט נישט געווען די יודישע שטוב, וואו מע זאָל ניט וויסען צו זינגען דעם „אלף־בית“. און דער קול, אַז דער פערפאַסער אליין זינגט זיינע ליעדער פאַר׳ן עולם אין קיעוו, האָט דערגרייכט אויך אין אַנדערע שטעדט, און מיר האָבען ביידע אָנגעהויבען בעקומען זעהר פריינדליכע איינלאַדונגען פון אַ סך גרויסע און קליינע שטעדט, מיט זאָלען קומען לוסטיג מאַכען דעם עולם—איך מיט מיינע „מעשיות“, וואַרשאַווסקי מיט זיינע „ליעדלעך“ . . . אַז דאָס לעבען איז ליעב, איז די וועלט הפקר !

דאָס איז געווען די גליקליכסטע צייט, קאָן מען זאָגען, דער סאַמע פריהלינג פון וואַר־שאַווסקי׳ס לעבען. איך געדענק אַזוי ווי היינט דעם חשבון, וואָס ער האָט מיר געמאַכט פון אונזער ערשטער טורנע איבער׳ן לאַנד.

— צו למ״ד אלפים ! — האָט ער מיר געזאָגט מיט זיין הילכיגען געלעכטער. — צו למ״ד אלפים דאַרף אונז איבערבלייבען ריינע, אַ רוח אין זייער פאָטער און מוטער אַריין !

— און דערנאָך וועלען מיר אַריבערשווימען דעם ים — האָט ער גענומען פאַנטאַזירען ווייטער — און מאַכען אַ רייזע איבער אַמעריקא, און דאָרטען וועלען מיר איבערקעהרען די וועלט ! . . .

נאָר דער וועלט איז, אַפנים, באַשערט געווען, זי זאָל ניט איבערגעקעהרט ווערען. וואָרום פון אונזער גאַנצער נסיעה און נאָך אַלע איינלאַדונגען זענען מיר דערווייל געווען נאָר אין צוויי סאַמע נאָהענטע שטעדט : אין בעלאָצערקאָוו און באַרדיטשעוו—און וועה־וועה, וואָס ס׳האָט

זיך געטהאָן! עס האָבען געשוויצט די ווענד! עס האָט געקאַפּעט פון דער סטעליע! אַ דער־שטיקעניש!

אמת, צו למ״ד אלפים איז נאָך געווען געננג ווייט („למד״ איז געווען, נאָר די „אלפים״ האָבען געפעהלט). מיר האָבען אָבער געהאַט פאַר זיך אַ גאַנצע וועלט. שוין געווען צוגעגרייט פאַר אונז איין אָבענד אין יעקאַטערינאָסלאַוו, און פון דאָרטען האָבען מיר בעדאַרפט פערפאָהרען קיין אָדעס, און ווייטער, און נאָך ווייטער. האָט זיך גאָט אַריינגעמישט און ס׳האָט זיך געטראָפען אַ מעשה:

געקומען קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, האָב איך געפונען אַ דעפּעש בסך־הכל פון דריי ווערטער: „ווארשאַווסקי געפעהרליך קראַנק״...

און ווען טרעפט זיך אַזאַ זאַך? ווען איהר האָרכען, ס׳איז כדאי צו וויסען.

כל ימיו האָט זיך ווארשאַווסקי געביך געראַנגעלט מיט׳ן דלות, ווי איין אמת׳ער העלד, חלילה ניט אַרויסבעוויזען קיינעם, אַז ער און זיין פאַמיליע (אַ ווייב און אַ טאָכטער) ליידען נויט. נאָר גראָד אויף דער עלטער, שוין צו עטליכע און פופציג יאָהר, געפעלט עפּים אַן אייזען־קאָמפּאַניע פון דאָנער באַססיין, חלילה ניט קיין יודען, נאָר בעלגיער, כריסטען, מען זאָל אַראָפּ ברענגען צו זיך אין דער קאָנטאָר, אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע, אַלס פּראָקוריסט, איין אַנשטענדיגען, איין אָרענטליכען יוריסט פון קיעוו, ער מעג זיין אַ יוד. און וואו קאָן מען קריגען אַ מעהר אַנשטענדיגען און מעהר אָרענטליכען מאַן, ווי מ. מ. ווארשאַווסקי?

און אָט אַזוי איז אונזער ווארשאַווסקי פּלוצים מיט אַמאָל נתגדל געוואָרען, בעקומען אַ שטעלע פון שענע עטליכע טויזענד רובעל אַ יאָהר געהאַלט, מיט אַ דירה, מיט אַלעם גרייטען, מיט אַ פאַיעטאָן און מיט פערד—אַז מע שמועסט פון כל טוב!

וואָס טהוט גאָט? זאָגט ער, אַז אַנשטענדיגע און עהרליכע לייט דאַרף ער אַליין האָבען. און ווארשאַווסקי לייגט זיך אַוועק, מוטשעט זיך פריהער אָפּ העכער אַ יאָהר אין אונמענשליכע ליידען—און דער יודישער בעראַנזשע שטאַרבט אַוועק עלענד און פערגעסען פון דער גאַנצער וועלט און לאָזט איבער אַ פאַמיליע אָהן שום מיטלען צום לעבען.

— — — — — — — — — — — — —

ווארשאַווסקי איז געשטאָרבען, און זיינע ליעדער האָבען אָנגעהויבען ווערען וואָס ווייטער אַלץ מעהר פּאָפּולער אינ׳ם יודישען פאָלק, ביי אונז, אין דער „טשערטאַ״ און אויך ווייט־ווייט, אונטער דער „טשערטאַ״. נישט נור ביי אונז, נאָר אין אויסלאַנד, אין אַמעריקא און נאָך ווייטער פון אַמעריקא אויך.

אויף אַלע יודישע קאָנצערטען טרעטען אַרויס קינסטלער, וואָס זינגען אויסגעצייכענט ווארשאַווסקי׳ס ליעדער, נאָר דער אַנטיק דערביי איז, וואָס ביי די ליעדער און אויף די אַפישען ווערט זעהר זעלטען (כמעט קיינמאָל ניט) דערמאָהנט דער נאָמען ווארשאַווסקי.

נאָך מעהר: נישט לאַנג איז מיינער אַ חבר, אַ יודישער שרייבער פון ווארשוי, געווען אין אָדעס אויף אַ יודישען קאָנצערט און איז נתפעל געוואָרען, ווי אַזוי איין אַרטיסטין האָט געזונגען אַ יודיש „פאָלקסליעד״:

שטאַרקער! שטאַרקער!
רייסט די סטרונעס, רייסט אויף צוויי —
די מיזינקע אויסגעגעבען!״

ביי דעם יודישען שרייבער איז ווארשאַווסקי׳ס ליעד אַ „פאָלקסליעד״, און דער נאָמען ווארשאַווסקי איז ניט דערמאָהנט ביי איהם!

ווער ווייסט? אפשר איז דאָס אַ מעלה? אפשר איז דאָס אַ אידעאַל, וואָס יעדער פער־פאַסער מעג זיך ווינשען אַזאַ פּאָפּוליאַריטעט צו דערגרויכען?

מע זאָגט, אַז דאָס ליעד „לאָרעליי״, וואָס אַלע קענען, ווייסען ניט אַלע, אַז דער מחבר פון דעם איז היינע.

דער נאָמען פון יענעם פראַנצויז, וואָס האָט בעשאַפען די „מאַרסעליעזאַ״, ווייסט אידאי איינער פון טויזענד, אָדער פון צעהנטויזענד, אַז ער איז רוזשע דע־ליל.

אָדער אַ סך ציוניסטען ווייסען נפתלי הערץ אימבער, דעם, וואָס האָט געמאַכט דעם „עוד לא אבדה תקותנו״?

בעת איך האָב געשריבען מיין הקדמה צו דער ערשטער אויפלאַגע פון ווארשאַווסקי׳ס ליעדער, האָט זיך מיר פערוואָלט זאָגען נביאות, אַז ס׳וועט ניט נעהמען קיין סך צייט און ווער־שאַווסקי׳ס ליעדער וועלען ווערען עכטע פאָלקס־מאָטיווען, געזונגען פון פאָלק בכל תפוצות ישראל.

איך האָב ניט געוואוסט, אַז מיין נביאות וועט גרייכען אַזוי ווייט, אַז די דאָזיגע ליעדער וועלען ווערען אַזוי פאָלקסטימליך, אַז זיי וועלען טאַקי קענען אַלע, לאַנג־לאַנג, כל זמן עס וועט געזונגען ווערען אַ יודיש ליעד, נאָר דעם פערפאַסער וועלען ניט אַלע קענען, און דער נאָמען ווארשאַווסקי וועט פערגעסען ווערען, גלייך ווי ס׳איז גאָר קיין מאָל אויף דער וועלט קיין ווער־שאַווסקי ניט געוועזען...

**שלום־עליכם.**

נערווי, 20-טען פעברואַר, 1914.

# דער אלף־בית.

אויפ׳ן פריפעטשיק ברענט א פייעריל
אונ אין שטוב איז היים,
אונ דער רבי לערענט קליינע קינדערליך
דעם אלף־בית.

זעהט־זשע, קינדערליך, געדענקט־זשע, טייערע,
וואס איהר לערענט דא;
זאגט־זשע נאך אמאל, אונ טאקי נאך אמאל:
קמץ אלף—אָ!

לערענט, קינדער, מיט גרויס חשק,
אזוי זאג איך אייך אן;
ווער ס׳וועט גיכער פון אייך קענען עברי,
דער באקומט א פאהן.
זעהט־זשע, קינדערליך, געדענקט־זשע, טייערע,
א. ז. וו....

לערענט, קינדער, האט ניט מורא,
יעדער אנהויב איז שווער;
גליקליך דער וואס האט געלערענט תורה,
צי דארף דער מענש נאך מעהר?
זעהט־זשע, קינדערליך, געדענקט־זשע, טייערע,
א. ז. וו....

איהר וועט, קינדער, עלטער ווערען,
וועט איהר אַליין פאַרשטעהן,
וויפיל אין די אותיות ליגען טרעהרען
און וויפיל געוויין...
זעהט-זשע, קינדערליך, געדענקט-זשע, טייערע,
א. ז. וו....

אַז איהר וועט, קינדער, דעם גלות שלעפּען,
אויסגעמוטשעט זיין,
זאָלט איהר פון די אותיות כח שעפּען,
קוקט אין זיי אַריין!
זעהט-זשע, קינדערליך, געדענקט-זשע, טייערע,
א. ז. וו....

אויפ'ן פריפּעטשיק ברענט אַ פייערל
און אין שטוב איז הייס,
און דער רבי לערענט קליינע קינדערליך
דעם אלף-בית...

## די שיף.

דאָרט ווייט אויף דעם ים אויף דעם גרויסען
שטעהט גרויס ווי אַ מויער אַ שיף;
מ'זעהט מענשען פון אינען, פון אויסען,
געהן, לויפען אַראָפּ און אַריף.
איהר ווערט זיי אַוודאי דערקענען,
איהר האָט זייער אומגליק געהערט...
זיי קלאָגען ווי עלענד זיי זענען,
דאָס פּנים איז שוואַרץ ווי די ערד!

פאַרטריקענט, פאַרדאַרט אַלע גלידער,
פאַרמוטשעט פון הונגער, פון נויט —
ס'זענט איהר, מיינע אָרימע ברידער,
איך לייען אויף אייער פּנים דעם טויט...
נאָר ביטערע טרעהרען כסדר,
אַ לעבען פון צרות און זאָרג...
טיף שניידען דאָס וואַסער די רעדער,
זיי טראָגען די שיף קיין ניו־יאָרק...

דאָרט זיצט איין אַלמנה אַ מוטער,
דאָס אָרימע קינד אויף איהר שויס,
זי וויינט אַזוי שטאַרק, אַזוי ביטער,
צי ווייסט איהר—איהר אומגליק איז גרויס!

דאָרט וואו זי איז געוואַקסען, געבוירען —
פאַרלאָזט טאַטע־מאַמע אַליין...
זי האָט זיי אויף אייביג פאַרלוירען,
זיי וועלען זיך שוין מעהר ניט זעהן!

אַ יוד וויינט מיט ביטערע טרעהרען,
פאַריאָמערט, פאַרוואָגלט, פאַרשמאַכט,
וואָס וועט מיט די קינדער דאָרט ווערען,
זיי בלאָנזען, ס'איז פינסטער די נאַכט...
מיט וועם וועל איך רעכטען דעם סדר? —
ער האָט זיך צעוויינט אַזוי שטאַרק...
טיף שניידען דאָס וואַסער די רעדער,
זיי טראָגען די שיף קיין ניו־יאָרק...

דאָרט וואַלגערן זיך פּיטצליך קינדער,
אין פּנים קיין שום טיפּת־דם...
וואָס פרעגט איהר? ס'אוודאי אַ וואונדער!
זיי מוטשען זיך מן־הסתם:
דאָס שטיקעלע ברויט, יעדער ביסען
קומט־אָן אויך דעם קינד מיט געוויין...
דאָס הארץ האָט אויף שטיקער געריסען
די טרעהרען, די טרעהרען צו זעהן!...

שוין אונטערגעגאַנגען די שטערען,
אַ וואָלקען ריקט־אָן אויף דעם אָרט —
דאָס זענען די ביטערע טרעהרען,
פאַרגאָסענע טרעהרען אָט דאָרט...

כאור האָט געדאַווענט יעדער,
אַוועק איז דער צער און דער זאָרג.
די זון האָט געשיינט,—און די רעדער —
די שיף שוין געבראַכט קיין ניו־יאָרק.

## אַ בריעף פון אַמעריקע.

טייערע מאַמע, טייערע מוטער, —
דו מיין טייער כשר הארץ,
צי ווייסט דו ווי איך זיין אַזוי ביטער
און ווי טיף איז דאָ מיין שמאַרץ?
וואָס וואָלט איך ניט אַוועקגעגעבען,
איך זאָל טהון אויף דיר אַ בליק!
איך וואָלט פאַר דיר געשטרעקט דאָס לעבען,
איך זאָל קומען צו דיר צוריק!...

נאָר ס'איז ניט די דאָזיגע יאָהרען
וואָס מען קען גיך טהון אַלסדינג:
מאַמע, כ'קען צו דיר ניט פאָהרען —
שרייבען איז מיר דאָס ניט גרינג!
לאה'ניו לאָזט ניט, זי האָט מורא,

פאַר דעם „פּריזיוו" ציטערט זי,
און מיין פּיצעלע קינד, מיין דבוריה,
האַלט מיך מיט איהרע הענטליך צו.

אַז איך זעה זי, ווערט מיר גרינגער:
דו זאָלסט הערען ווי זי רעדט!
ווי זי ווייזט מיט דעם גרויסען פינגער
אויף דער באַבענים פּאָטרעט...
און מיין שענער יונג, מיין סאַני,
אַרבייט—גאָלדענע האָט ער הענט!
משה'לע זאָגט שוין „מודה-אני",
רחל'ען וואָלסט דו ניט דערקענט...

דו דערמאַנסט זיי מן-הסתמה
און דו בענשט זיי אוודאי דאָרט...
זיי גריסען, קישען דיך, טייערע מאַמע, —
זיי געזונד!... נאָר נאָך איין וואָרט:
אַז וועסט אויף דעם בית-עולם קלאָגען —
יאָהר-צייט האָבען מיר ערב-שבועות —
זאָלסט דו דאָרט דעם טאַטען זאָגען,
אַז איך שיק איהם אָפּ אַ גרים...

טייערע מאַמע, טייערע מוטער,
דו מיין טייער כשר האַרץ,
צי ווייסט דו ווי איך ווין אַזוי ביטער
און ווי טיף איז דאָ מיין שמאַרץ?...

## אַ יודיש ליעד פון רומיניען.

אַז מען צאַפּט פון מיר דאָס בלוט אַרויס
און מען מוטשעט מיך פּאַמעליך,
לאָך איך מיך גוט פון מיינע שונאים אויס
און געה מיר גאָר אַ פרעהליך! . . .
איך טאַנץ ווי דער חתן מיט דער כלה —
פליעסקעט, פליעסקעט אַלע!

אַז מען צאַפּט פון מיר דאָס בלוט אַרויס
און מען מוטשעט מיך פּאַמעליך,
לאָך איך מיך גוט פון מיינע שונאים אויס
און געה מיר גאָר אַ פרעהליך.

סאיז געווען אַמאָל איין ערגערע צייט,
גלויבט מיר, בנאמנות,
פון דעם טויט זענען מיר געווען ניט ווייט.
נאָר גאָט האָט געהאַט רחמנות:
געשלאָגען האָט ער אַלע חלאָפּעס,
געפאַלען זענען זיי ווי סנאָפּעס . . .
ס׳איז געווען אַמאָל איין ערגערע צייט,
א. ז. וו.

אוודאי איז אונז געוועזען גוט . . .
וואָס האָט מען דאָ צו קלערען,

מע האָט זיך געבאָדען אין אונזער בלוט
און אין אונזערע טרעהרען.
נאָר יודישע זיהן און טעכטער
האָבען געמאַכט פון דעם אַ געלעכטער!
אוודאי איז אונז געווען גוט...
א. ז. וו.

לאָז מען מוטשען מיך אפילו מעהר —
זאָג איך דיר צו, אוי פאָטער,
איך וויל ניט פאַרגיסען קיין איינציגע טרעהר,
איך הער זיי ווי דעם טאָטער!
זאָגט וואָס האָב איך מורא? —
גאָט און אונזער תורה!
לאָז מען מוטשען מיך אפילו מעהר —
א. ז. וו.

וואָס-זשע דאַרף מען, ברידער, אומעטיג זיין?
עס איז איין עבירה, כ'לעבען, אַ גרויסע —
אַמעהר טראָגט-אַריין איין עמער וויין
לאָמיר בעסער מאַכען אַ כוסה!
זיך מוטשען און זינגען ליעדער —
פליעסקעט, פליעסקעט, ברידער!...

וואָס-זשע דאַרף מען, ברידער, אומעטיג זיין?
ס'איז איין עבירה, כ'לעבען, אַ גרויסע —
אַמעהר טראָגט-אַריין איין עמער וויין:
לאָמיר בעסער מאַכען אַ כוסה!

# שרה און רבקה.

אַז איך בין געקומען קיין ראַכמעסטריווקע
האָב איך דאָרט צוויי שענע שוועסטער געזעהן:
איינע האָט געהייסען שרה, די אַנדערע רבקה, —
צוויי שענע כלות זענען דאָס געווען;
יעדע פון זיי האָט געהאַט איין אַנדער מעלה.
דאָ האָט זיך פאַרדרעהט מיר דער קאָפּ אויפ׳ן אָרט:
וועלכע פון זיי זאָל איך מיר נעהמען פאַר אַ כלה, } בים.
וועלכער פוןביידע זאָל איך געבען דאָס וואָרט? }

אין שרה׳לעס אויגען קען מען גלייך ניט קוקען,
ווי די זון אים תמוז אַזוי שיינען זיי:
זיי שמייכלען, זיי לאַכען, זיי רעדען, זיי קוויקען
דאָס הארץ, אַז זי טהוט אַ קוק נאָר מיט זיי.
אָבער רבקה׳ס אויגען ברענען ווי פייער,
שוואַרץ ווי די קוילען וואָס טיף אין דער ערד:
אַז זי הייבט זיי אויף, ווערט דאָס לעבען טייער, } בים
אַז זי לאָזט זיי אַראָפּ—האָט דאָס לעבען קיין ווערט... }

אַזעלכע ווי שרה געפינט איהר ניט אין די ביכליך:
גאָלדענע הענט האָט זי—איהר זאָלט נאָר זעהן...
זי האָט אויסגעהעפט פאַר זיך אַ פּאָר גאָלדענע שיכליך,
אין זיי, זאָגט זי, וועל איך צו דער חופה געהן.

רבקה האָט אין איין פרייטיג אויפגעגייט אַ קליידעל,
און שבת האָט זי עס אָנגעטהון צוליב מיר אין דער פריה...
גליקליך וועט זיין דער, ווער ס'וועט נעהמען אָט
דאָס מיידעל —
ווער פאַרמאָגט איהר שענקייט—קוקט אייך נאָר צו! } בים.

איך האָב אַמאָל אַ סוד אין אויער אייגגעראָמט שרה'ן —
האָט זי זיך צעוויינט ווי אַ פיצעלע קינד.
„אָקעגען וואָס, פרעגט זי מיך, ביזט דו געקומען צו פאָהרען,
צו וואָס האָט דיך געבראַכט אַהערצו דער ווינד?"
אַז עס האָט זיך אין מיר צעשפּיעלט די ווילדע קליפּה.
האָב איך רבקה'ן איינגעראָמט דעם אייגענעם סוד.
„נאָר! דו ווילסט אַ קיש—שטעל פריהער אַ חופּה:
איך בין דיר ניט האפקע, דו ביזט ניט פעדאָט!" } בים.

כ'האָב געקלערט און געטראַכט, און געגיבען מיר עצות,
ביז איך האָב אַוועקגעלעגט די בושה אויף אַ זייט:
אָט אַ פּנים מע מוז נעהמען די פּיס אויף די פּלייצעס,
אַזוי האָב איך געלערנט אין דער גמרא אַ פּשט.
פון דענסטמאָל אָן האָב איך מעהר ניט געקליבען,
נאָר שרה'ן און רבקה'ן געדענק איך גאַנץ גוט...
אוי! איך בין איין אַלטער בחור געבליבען!
אויב איך האָב חרטה, פרעג מיך שוין ניט! } בים.

# צום באַדעקענס דער כלה.

## א) כלה'ניו, וויין־זשע וויין.

דו ביזט דעם חתן געפעלען,
וואָרום דו ביזט דאָך שען און פיין —
באַלד וועט מען די חופה שטעלען,
באַלד וועט די חופה זיין.
אַ נייע וועלט וועסט דו דערזעהן,
עפּיס זאָגט מען זי איז זעהר שעהן...
נאָר איך וויים ניט צי דאַרפסט דו זיך פרעהן...— } בים.
כלה'ניו, וויין־זשע וויין!

מען האָט דיך אין צרות דערצויגען,
געמוטשעט זיך אָהן אַ שעור,
געקוקט אין דיינע אויגען,
געציטערט איבער דיר.
דו פיהלסט עס, מיין קינד, מן־הסתמה:
דיין האַרץ איז כשר ריין,
פאַרגעס־זשע ניט טאַטע־מאַמע.— } בים.
כלה'ניו, וויין־זשע וויין!

דו וועסט תמיד דערמאַנען
וואָס דו האָסט קינדוויז געפיהלט:

אָט דאָ ביזט דו געשטאַנען,
אָט דאָרטען האָסט דו זיך געשפּילט.
די יונגע יאָהרען פאַרשוואונדען...
זיי קומען צוריק ניט צוגעהן.
אַזוי פערגעהט אונזער לעבען... —
כלה'ניו, וויין־זשע וויין! } בים.

אַז דאָס גליק וועט דיר שיינען און לייכטען,
פאַרגעס ניט דעם אָרימאַן,
דער מענש מוז תמיד טראַכטען,
וואָס וועט מיט איהם מאָרגען זיין.
אוי! יעדער מענש איז אָרים,
ווי רייך ער וואָלט נישט געווען —
אַזוי זאָגען אונזערע ספרים... —
כלה'ניו, וויין־זשע וויין! } בים.

אַז דיין מאַן וועט טרעהרען פאַרגיסען,
פאַרביטערט וועט זיין דאָס האַרץ,
זאָלסט דו איהם זיין לעבען פאַרזיסען,
פאַרגרינגערען זיין שמאַרץ.
דיינע קינדערליך זאָלסט דו געבען
אונזער אומגליק צו פאַרשטעהן,
אַז וויינען הייסט ביי אונז לעבען...
כלה'ניו, וויין־זשע וויין! } בים.

דעם חתן פיהרט צו דער כלה,
באַשיט איהם מיט בלומען גיך;

אָט װעלען מיר בעטען אַלע
ער זאָל דיר זיין מצליח.
װאו דו װעסט זיך װענדען און קעהרען,
זאָל גאָט פאַר דיר תמיד שטעהן;
ער זאָל דיינע טרעהרען דערהערען — } בים.
כלה'ניו, װייך־זשע װיין!

## ב) די ראָד (כלה'ס צד).

שלאָגט כל־זמר אין די טאַצען,
װער װעט אַצינד מיך שאַצען?
אוי, אוי! גאָט איז גרויס!
ער האָט דאָך געבענשט מיין הויז...
די מיזינקע גיב איך אויס —
די מיזינקע אויסגעגיבען!
די מיזינקע אויסגעגיבען!

שטאַרקער!... פרעהליך!...
דו די מלכה, איך דער מלך,
אוי, אוי, איך אַליין
האָב מיט מיינע אויגען געזעהן,
װי גאָט האָט מיר מצליח געװען —
די מיזינקע אויסגעגיבען! (בים).

שטאַרקער!... בעסער!...
די ראָד, די ראָד מאַכט גרעסער!
גרויס האָט מיך גאָט געמאַכט,
גליק האָט ער מיר געבראַכט,
הוליעט, קינדער, אַ גאַנצע נאַכט! —
די מיזינקע אויסגעגיבען! (בים).

דער טרייער פעטער יוסי
און די גוטע מומע סאָסי
האָבען מיר צום חתן־מאָהל
טייערע ווײַנען אָהן אַ צאָהל
מיר געשיקט פון ארץ־ישראל —
די מיזינקע אויסגעגיבען! (בים).

מאָטעל!... שמעון!...
די אָרימע לייט זענען געקומען,
שטעלט זיי דעם שענסטען טיש,
טייערע ווײַנען, טייערע פיש,
אוי וועה, טאָכטער, גיב מיר אַ קיש! —
די מיזינקע אויסגעגיבען! (בים).

אייזיק!... מזיק!...
די באָבע געהט אַ קאָזיק.
קיין עין־הרע זעהט נאָר זעהט,
ווי זי טופּעט, און ווי זי געהט,
אוי, אַ שמחה, אוי, אַ פרייד! —
די מיזינקע אויסגעגיבען! (בים).

איציק!... שפּיציק!...
וואָס שווייגסטו דו מיט דעם שמיציק?!
אויף די כלי־זמר טהו אַ געשריי:
צי שפּילען זיי, צי שלאָפען זיי?
רייסט די סטרונעס אַלע אויף צוויי! —
די מיזינקע אויסגעגיבען! (בים).

## ג) אַ פריילי‏כס (חתנ׳ס צד).

די מחותנים געהען,
קינדער.
לאָמיר זיך פרעהען —
שאַט נאָר שאַט!
דער חתן איז נאָר אַ וואונדער —
שפּילט אַ וויוואַט דעם חתנ׳ס צד!

אַט געהט דער פעטער
קנה
מיט דער מומע חנה —
שאַט נאָר שאַט!
דאָס איז די בעסטע מתנה,
שפּילט אַ וויוואַט דעם חתנ׳ס צד!

דעם חתנ׳ס שוועסטער
פריידעל

נעהמט זיך אריין אין רעדעל —
שאַט נאָר שאַט!
זי דרעהט זיך ווי אַ דריידעל —
שפּילט אַ וויוואַט דעם חתנ׳ס צד!

רב אלי דעם חתנ׳ס
פעטער
דאָס בייכעל גלעט ער —
שאַט נאָר שאַט!
ער איז פעטער פון אַלע פעטער —
שפילט אַ וויוואַט דעם חתנ׳ס צד!

אַט געהט דער מחותן
מינדיק,
מיט וואָס האָבען מיר פאַרזינדיגט —
שאַט נאָר שאַט!
ער בלאָזט זיך ווי איין אינדיק —
שפּילט אַ וויוואַט דעם חתנ׳ס צד!

נעהמט ביי די הענד אייך
אַלע!
דער חתן מיט דער כלה —
שאַט נאָר שאַט!
גאָט זאָל זיי זיין ממלא —
דעם חתנ׳ס און דער כלה׳ס צד...

# נעבען קלייזעל.

— גוט מאָרגען, משה, דיר!
— גוט מאָרגען, יענקעלע, דיר!
— וואָס הערט זיך עפּיס, משה, ביי דיר?
— אַי! וואָס זאָל זיך הערען ביי מיר?
דאָס לעבען איז צוקער־זיס:
איך ווער פאַרשוואַרצט פון דעם קאָפּ ביז די פיס...
דאָס לעבען בייגט, דאָס לעבען ברעכט...
איך וויין... איך בין אפשר גערעכט?...

— גוט מאָרגען, משה, דיר!
— גוט מאָרגען, יענקעלע, דיר!
— וואָס הערט זיך עפּיס, משה, ביי דיר?
— אַי! וואָס זאָל זיך הערען ביי מיר?
איך הונגער אַ גאַנצע וואָך,
ניט לאַנג וועל איך שלעפּען נאָך...
דאָס ווייב שרייט: משה, ס'איז שלעכט...
דאָס ווייב איז אפשר גערעכט?...

— גוט מאָרגען, משה, דיר!
— גוט מאָרגען, יענקעלע, דיר!
— וואָס הערט זיך עפּיס, משה, ביי דיר?
— אַי! וואָס זאָל זיך הערען ביי מיר?

אין דער דירה איז נאַס און קאַלט,
דער בעל־הבית וועט מיך אַרויסוואַרפען באַלד.
דער מה טרוקענט גאַנצע נעכט...
דער בעל־הבית איז אפשר גערעכט?...

— גוט מאָרגען, משה, דיר!
— גוט מאָרגען, יענקעלע, דיר!
— וואָס הערט זיך עפּיס, משה, ביי דיר?
— אַי! וואָס זאָל זיך הערען ביי מיר?
דער פריץ איז ביי מיר געווען,
איך האָב איהם געמוזט פאַרשטופּען די ציין...
איך וואַרף מיך ווי אין וואַסער אַ העכט...
דער פריץ איז אפשר גערעכט?...

— גוט מאָרגען, משה, דיר!
— גוט מאָרגען, יענקעלע, דיר!
— וואָס הערט זיך עפּיס, משה, ביי דיר?
— אַי! וואָס זאָל זיך הערען ביי מיר?
איך בין קראַנק, איך שפּיי מיט בלוט,
אין בקור־חולים נעהמט מען מיך ניט...
איך שטאַרב, איך געה־אויס ווי אַ ליכט...
שאַ, ברודער, גאָט איז גערעכט!...

# דער בעכער.

טייערע מלכה —
געזונד זאָלסט דו זיין! —
גיס־אָן אין בעכער,
אין בעכער דעם וויין.
בים־באָם! בים־באָם!
בים־באָם! בים־באָם!

פון דעם דאָזיגען בעכער,
ער גלאַנצט אַזוי שען,
האָט געטרונקען מיין זיידע,
מיין זיידע אַליין.
בים־באָם! א. ז. וו.

ס'איז געווען שלעכטע צייטען,
ווי עס מאַכט זיך אַמאָל,
נאָר דעם בעכער האָט ער געהאַלטען —
אייזען און שטאָהל!
בים־באָם! א. ז. וו.

ער האָט משמח געווען אַלע קינדער,
באַקענט איז דאָס דיר,

פונ׳ם טאַטען איז דער בעכער
געקומען צו מיר!
בים-באָם! א. ז. וו.

טייערע מלכה, —
געזונד זאָלסט דו זיין! —
פאַר וועמען זאָל איך טרינקען
דעם דאָזיגען וויין?
בים-באָם! א. ז. וו.

לחיים וויל איך טרינקען
פאַר דעם פינטעלע איד,
וואָס מוטשעט זיך תמיד
און ווערט קיינמאָל ניט מיד!
בים-באָם! א. ז. וו.

לחיים וויל איך טרינקען,
און טאַקי אָהן איין עק,
פאַר די וואָס זענען געפאָהרען
אויף אייביג אַוועק!
בים-באָם! א. ז. וו.

איך וואָלט טרינקען פאַר מיינע שונאים,
נאָר זאָג זיי ניט אוים!
קוק—טרעהרען שפריצען פונ׳ם בעכער,
פון דעם בעכער אַרוים!
בים-באָם! א. ז. וו.

זינגט העכער און העכער:
גאָט, דו ביזט גרויס!
באַהאַלט, מלכה, דעם בעכער,
דאָס לידעל איז אויס!
בים־באָם! בים־באָם!
בים־באָם! בים־באָם!

## ציון.

פון דער וועלט פאַריאָגט, פאַרטריבען,
און אין האַרצען מיט אַ ווינד,
בין אַליין איך דאָ געבליבען
אָהן אַ קינד און אָהן אַ רינד.
אַלע זענען זיך צעפאָהרען.
דער אַהער און דער אַהין,
און אויף מיינע אַלטע יאָהרען
זינג איך מיר אַ ליעד פון ציון.

ציון! ציון! גרויסער נאָמען!
ציון! ציון! הייליג וואָרט!
אַלטע בוימער! שענע בלומען
וואַקסען אויף דיין הייליג אָרט!

ציון! דו וועסט אייביג בליהען,
תמיד ניי איז דיין געבאָט.
גרויסער גאָט! דו ביזט אין ציון,—
ציון! דו ביזט גרויס ביי גאָט!

גרויסער גאָט! זאָלסט מיר באַשערען
צו־צופאַלען צו דיין ערד,
און פאַרגיסען הייסע טרעהרען,
אויב—איך בין ביי דיר דאָס ווערט.
צו־צופאַלען צו די קברים,
צו דער וואַנט פון דעם „געוויין",
אוי! כ'בין אָבער אַלט און אָרים,
ציון וועל איך שוין ניט זעהן!...

כ'וועל פאַר אייך דאָ, קינדער, בעטען
גאָט דעם זיסען פריה און שפּעט,
ער זאָל אייך אַהין בעגלייטען,
ווי'ר האָט אונז אַמאָל באַגלייט,
און אין ציונ'ס גרויסען נאָמען
און אין ציונ'ס הייליג וואָרט,
נייע בוימער, נייע בלומען
זאָל ער לאָזען וואַקסען דאָרט.

אַז איך וועל אין קבר ליגען
וועט אַ פייגעלע צופליהען,
און וועט זינגען אָט דעם נגון
און דאָס ליעדעלע פון ציון:

„ציון! ציון! גרויסער נאָמען!
ציון! ציון! הייליג וואָרט...
כ׳האָב פון דאָרט געבראַכט די בלומען
און אַ צווייגעלע פון דאָרט״.

„אָט דאָס צווייגעלע דאָס גרינע
האָב איך דיר פון דאָרט געבראַכט,
וואו עס שיינט אונזער אמונה
אונזער קרוין און אונזער פּראַכט!
דאָרט איז קיינמאָל ניט קיין ווינטער,
דאָרט איז קיינמאָל ניט קיין קעלט,
ווייל די זון געהט דאָרט ניט אונטער,
און זי שיינט די גאַנצע וועלט!״

## דאָס ליעד פון דעם ברויט.

(געווידמעט די יודישע קאָלאָניסטען, צו זינגען אין פעלד נאָך דער אַרבייט).

גרויסער גאָט! מיר זינגען ליעדער —
אונזער הילף ביזט דו אַליין!
נעהמט צענויף די סנאָפּעס, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגעהן.
נעהמט-צענויף די סנאָפּעס, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגעהן.

לאָז די זון אונז בריהען, בראָטען,
זי האָט אונז געשיינט צום גליק:
זעהט דאָס ברויט איז אונז געראָטען...
קינדער, קיינמאָל ניט צוריק!...
} בים.

גרויסער גאָט! דו העלפסט דעם מענשען,
אַז ער רופט צו דיר אין נויט!
זאָלסט אונז ווייטער טאָקע בענשען
מיט הצלחה און מיט ברויט!...
} בים.

נעהמט-צענויף אייך אַלע אינאיינעם,
נחת האָבען מיר שוין פיעל...
און דעם גאָלדענעם קראַנץ דעם שענעם
פון די זאַנגען טראָגט אין שול.
} בים.

לאָזען אונזערע קינדער וויסען
פון אַ לעבען אויף דער וועלט,
אַז דאָס ברויט, און יעדער ביסען
איז פון אונזער אייגען פעלד!...
} בים.

גרויסער גאָט! מיר זינגען ליעדער —
דו ביזט אונזער הילף אַליין!
נעהמט-צענויף די סנאָפּעס, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגעהן!...
נעהמט-צענויף די סנאָפּעס, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגעהן!...

# די נאַכט.

ס'איז פינסטער, פינסטער, וואָלקען שטעהען,
זיי האָט דער קאַלטער ווינט געבראַכט;
אין הימעל איז קיין שיין צו זעהען,
אַראָפּגעלאָזט האָט זיך די נאַכט.

פאַרלאָהרען האָט די וועלט איהר נאָמען,
פאַרפינסטערט ליגט זי ווי זי איז גרויס,
פאַרוויאַלעט ליגען אַלע בלומען,
געשטאָרבען ליגט די לעצטע רויז.

די ביימער פון דעם וואַלד דעם אַלטען
זיי האָבען זיך צו דר'ערד געלעהנט,
די חיות האָבען זיך באַהאַלטען
און, אוי, דער מענש האָט זיך צעוויינט:

וואָס קאָן די נאַכט דעם מענשען געבען?
וואָס קאָן איהם געבען די וויסטע קעלט? —
פאַרוויסט, פאַרפינסטערט איז דאָס לעבען,
פאַרוויסט, פאַרפינסטערט איז די וועלט!

די שיין, דער טאָג האָט זיך פאַרבאָרגען,
עס וויינען, קלאָגען בערג און טהאָל:

צי קומען וועט אַמאָל דער מאָרגען?
צי קומען וועט דער טאָג אַמאָל?

ווי לאַנג וועט זיין דער טאָג פאַרבאָרגען?
„וואָס הערט זיך, וועכטער, מיט דער נאַכט?"
דער וועכטער זאָגט: „עס קומט דער מאָרגען,
ווי לאַנג עס זאָל ניט זיין די נאַכט..."

## טרעהרען.

דו זאָגסט אַז אין צווייען איז גרינגער צו קלאָגען,
צו וויינען אין צווייען ווערט גרינגער דער שמאַרץ, —
אוי, ניטע, מיין ברודער, ווי קענסט דו דאָס זאָגען?
אין צווייען איז שווערער דאָס אומגליק צו טראָגען,
אַזעלכע טרעהרען פאַרקלעמען דאָס האַרץ...

איינס קען איך דיר זאָגען, איינס קען איך דיר שווערען:
מיין האַרץ האָב איך אויסגעוויינט לאַנג שטילערהייד...
ווען קיינער פון אייך פלעג ניט זעהן מיינע טרעהרען.
ווען גאָט נאָר אַליין פלעג אין שטילען מיך הערען,
פלעג גרינגער מיר ווערען מיין צער, מיין לייד!...

## ווי האַלט איך דאָס אויס!

ווי האַלט איך דאָס אויס—פאַרשטעה איך ניט, כ׳לעבען.
ס׳אוודאי פון גאָט אַזוי שוין באַשערט,
ביי יעדען איז אַ יום־טוב דאָס שטיקעלע לעבען
ביי מיר איז דאָס לעבען שווארץ ווי די ערד!
פאַר וואָס און פאַר ווען—דאָס פרעגט שוין ניט איינער,
ס׳פאַרענטפערט די קשיה: גאָט דו ביזט גרוים!
עס טרוקענט אין מיר דער מאַרך פון די ביינער!
איך האַלט דאָס ניט אויס, איך האַלט דאָס ניט אויס!

ווי האַלט איך דאָס אויס—ס׳אוודאי אַ וואונדער,
ווי כ׳שלעפ מיינע שלאַפע, געשוואָלענע פיס,
ווי כ׳בלאָנזע־אַרום מיט מיינע אָרימע קינדער,
וואו איך געה, וואו איך קום איז מיר פינסטער און וויסט! —
דאָ טאָר מען ניט שטעהן, דאָ טאָר מען ניט ליגען,
דאָרט נעהמט מען פון מיר די כחות אַרויס...
און אומעדום הער איך דעם אייגענעם נגון:
„איך האַלט דאָס ניט אויס, איך האַלט דאָס ניט אויס!”

אוי! יעדער פון אייך, צי רייך, צי אָרים,
האָט אונזער בית־עולם אוודאי געזעהן...
דאָרט שטעהען צעבראָכענע, פינסטערע קברים,
און טיף פון די קברים געהט אַ געוויין:

אַזוי איז צעבראָכען אין מיר יעדער אבר,
אַזוי די וועלט פינסטער—ווי זי איז גרויס...
אוי, דעק דיך אויף גיכער, מיין פינסטערער קבר!
איך האַלט דאָס ניט אויס, איך האַלט דאָס ניט אויס!

## דעם אָדלער'ס קלאָג.

איך האָב אויך אַמאָל גרויסע פליגעל געהאַט...
כ'פלעג פליהען אַהער און אַהין,
היינט ליג איך און בין פון דעם טויט שוין ניט ווייט,
איך קען מיך ניט ריהרען, ניט פליהען...
אַרויסגעצאַפּט האָט מען פון מיר שוין דאָס בלוט,
קיין פליגעל ניטאָ... קוקט אַהער...
וואָס טויג מיר מיין לעבען, איך וויל עס שוין ניט.
אַז כ'האָב מיינע פליגעל ניט מעהר!

כ'פלעג פליהען, מיך הויבען ביז אין הימעל אַרויף,
דורך וואַלד, איבער בערג, איבער טהאָל...
כ'פלעג אַראָפּלאָזען מיך צו דער ערד, אויף דערויף,
כ'זאָל צום הימעל צוריק—נאָך אַמאָל...
היינט ליג איך געקאָוועט, געפּענטעט גאַנץ גוט,
אַ זיפץ טהון—אי דאָס איז מיר שווער...

וואָס טויג מיר דאָס לעבען, איך וויל עס שוין ניט,
אַז כ'האָב מיינע פליגעל ניט מעהר?

קינדער, אוי, זאָגט מיר, וואו זענט איהר אצינד?
אָפּגעריסען זענט איהר פון מיר!
ווי רייסט מיר מיין הארץ, און ווי וועה טהוט מיר מיין ווינד,
און ווי רינט פון מיר בליט אָהן אַ שיעור!
אוי, קומט גיך צופליגען, און שטילט מיר מיין בליט,
נעהמט-צו, אוי, מיין לעצטע טרעהר...
וואָס טויג מיר מיין לעבען, איך וויל עס שוין ניט,
אַז כ'האָב מיינע פליגעל ניט מעהר!...

## תנחום דער טרובאטש *).

כ'וויל אייך דערצעהלען אַקוראַט
טאַקע מיט גרויס אַחאַטע,
ווי כ'האָב געדיענט פאַר אַ סאָלדאַט
אין דער ערשטער ראָטע.

טראָם! טראָם! אַ יונגאַטש
בין איך געוועזן מיט ביינער,

*) לאָז דאָס ליעד זיין אַ זכר צו אונזער „תנחום באַראַבאַנטשיק" עליו השלום פון זיטאָמיר. ער איז געוועזן אַ יוד אַ גבר, איין אויסגעדינטער סאָלדאַט מיט באַקענבאָרדען און מיט עטליכע מעדאַלען, מיט וועלכע ער פלעגט זיך שטענדיג באַריהמען. מיר, יודישע קינדער, האָבען איהם שטאַרק ליעב געהאַט דערפאַר, וואָס ער פלעגט אונז אַלע פרייטאָג לערנען „מאַרשירען", לויפען, שיסען—האַלטען מלחמה...

מע האָט מיך געמאַכט פאַר אַ טרובאַטש,
איך האָב געשפּילט ווי קיינער.
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
איך האָב געשפּילט ווי קיינער.

כ'וויל אייך זאָגען, ס'איז ניט גרינג
אויף דער טרובע צו טרובען:
דאָ מוז מען פאַרשטעהן זיך אויפ'ן ווינק,
און גוטע אויהרען האָבען.

טראַם! טראַם! צו מאַכען „פוי!"
כ'לעבען איז אַ סך גרינגער:
דאָ מוז מען שפּילען אַט אַזוי —
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
און מאַכען מיט די פינגער!

איך וויל ניט פאַרלייקענען פאַר אייך,
איך פלעג מיך פרעהליך פיהלען,
אַז איך פלעג שטיקליך גאָר אַסך
אויף מיין טרובע שפּילען.

טראַם! טראַם! אין ערשטען ריאַד
פלעג דער קאָמאַנדיר מיך שטעלען.
אַז איך פלעג שפּילען אויפ'ן פּאַראַד
פלעג דער קאָמאַנדיר אָנקוועלען.
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
פלעג דער גענעראַל אָנקוועלען!

אַז די דיוויזיע טהיילט זיך אָפּ אויף צוויי
גאַרניזאָנעם גרויסע,

און דער גענעראַל טהוט אַ געשריי:
„ספּראַוואַ ווזוואָדאָם סטרויסיאַ!“

טראַם! טראַם! דאַ פאַלט אַריין
די טרובע מיט אַ קול פון אייזען,
און איהר העלפט-אונטער דער באַראַבאַן,
ווי זינגערליך דעם חזן.
טראַ-טאַ-ראַ-ראַ! טראַ-טאַ-ראַ-ראַ!
ווי זינגערליך דעם חזן!

אויף די מאַניאָווורעס איז אַזוי שווער
גלייך ווי אין אַ מלחמה:
סאָלדאַטען לויפען אַהין און אַהער
פינען מיט דער נשמה...

טראַם! טראַם! דער מוזיקאַנט
טאָר זיך ניט זיין טועה:
דער גענעראַל טהוט אַ מאַך מיט דער האַנד
שפּילט ער שוין „ק’אָטבאויו“.
טראַ-טאַ-ראַ-ראַ! טראַ-טאַ-ראַ-ראַ!
שפּילט ער שוין „ק’אָטבאויו“!

אַמאָל מוז מען שלאָגען גאָר דעם פיינד,
אונטערוויילכם איז גלייכער...
די סאָלדאַטען מיט דער ביקס אין דער האַנד
לייגען זיך אויף די בייכער...

טראַם! טראַם! מ’האָט אָנגעגרייט
גאַנצע פעסער מיט פּאָראָך;
דער גענעראַל הייסט שפּילען שטילערהייד,
מע זאָל ניט הערען קיין שאָראָך!

טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
מע זאָל ניט הערען קיין שאָראַך!

דאָ לאָזען זיך די סאָלדאַטען פון דעם אָרט
גלייך צו דער אַטאַקע...
באָמבעס, קוילען, דאָ און דאָרט,
ס'איז אַ מורא טאַקע!

טרנם! טראַם! פון אויבען אָן
שפּיל איך און געה אין פייער,
פאַלען וועל איך לעבען דער פאָהן,
וואָרום זי איז מיר טייער!
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
וואָרום זי איז מיר טייער!

נאָך דער מלחמה אָרום שבועות
האָב איך מיך אַהיים דערקליבען,
אַז רחל האָט דערזעהען, אַז איך בין אָהן אַ פוס,
איז זי חלשות געבליבען.

טראַם! טראַם! ניטע וויין,
רחניו מיין לעבען!
דו זעהסט דאָך צו, אַז גאָט אַליין
האָט געראַטעוועט מיין לעבען!
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
האָט געראַטעוועט מיין לעבען!

אוי, וויינען, רחלע, איז מאוס,
לאָז איבער די טרעהרען אויף מאָרגען:
צי מיט אַ פוס, צי אָהן אַ פוס —
דערפאַר וועט גאָט שוין זאָרגען.

טראַם! טראַם! דער קייסער אַליין
האָט מיר אַ מעדאַל געגעבען.
איך האָב איהם זוכה געווען צו זעהן —
הונדערט יאָהר וועל איך לעבען!
טראַ־טאַ־ראַ־ראַ! טראַ־טאַ־ראַ־ראַ!
הונדערט יאָהר וועל איך לעבען!

## עס זינגט זיך ניט.

אוי, ענטפערט מיר, איך בעט אייך זעהר,
וואָס האָב איך מיך אַזוי צעזונגען?
דאָס לעבען קומט־אָן אַזוי שווער,
דאָס האַרץ ווערט אָקערשט ניט צעשפּרונגען.

אי דאָ, אי דאָרטען טריפט זיך בליט...
אוי, ווערט פאַרשטימט איהר פרעהליכע ליעדער!
דאָס לעבען איז פאַרביטערט, ברידער,
עס זינגט זיך ניט, עס זינגט זיך ניט!

# דאָס טרויער־ליעד.

זינגער:

קאַלט אין יעדען אבר,
פינסטער ווי אין קבר,
הינגער, צער און נויט... (בים.)
שוואַרצע וואָלקען שוועבען,
שוואַרץ איז אונזער לעבען...
אוי דאָס איז דער טויט! (בים.)

כאָהר:

לאָמיר, ברידער, שלעפען,
לאָמיר, ברידער, שלעפען
דעם גלות ווי ער איז גרויס! (בים.)
ביז די שעה וועט שלאָגען,
ביז די שעה וועט זאָגען,
אַז דאָס ליעד איז אויס! (בים.)

זינגער:

גרויס איז אונזער ליידען,
צער אונזער גן־עדן
און אין צרות רייך. (בים.)
גיסט אייך, גיסט אייך טרעהר׳ען,
באַלד וועט פון אייך ווערען
בלוט אַ גאַנצער טייך... (בים.)

כאָהר:

לאָמיר, ברידער, שלעפּען

לאָמיר, ברידער, שלעפּען,

לאָמיר, ברידער, שלעפּען

דעם גלות ווי ער איז גרויס! (בים.)

ביז די שעה וועט שלאָגען,

ביז די שעה וועט זאָגען,

אַז דאָס ליעד איז אויס! (בים.)

# פּסח.

— איך וועל אייך דערצעהלען דאָ, קינדער, אַ מעשה,

וואָס ס'האָט זיך געטראָפען, אוי הערט אויס דאָ מיך!

וואָס ס'האָט זיך געטראָפען,

וואָס ס'האָט זיך פאַרלאָפען —

— „אוי וועה, זיידעניו, אוי וועה, זיידעניו, מיר הערען דיך!

— מיר האָבען ביים טיש די הגדה געזינגען.

פּסח געוועזען — אַ פרעהליכער טאָג!

פּלוצים זעהען מיר שטיינער פליהען

אהער און אהין!

— „אוי וועה, זיידעניו, אוי וועה, זיידעניו, אַ יאָמער אַ קלאָג!"

— אַ שטיין איז אין אויג מיין שרה׳לען געפאַלען...
דאָס קינד איז געוועזען פונ׳ם טויט אויף אַ האָר.
זיי זענען דורך די פענסטער געקראָכען,
געריסען, געבראָכען...
— „אוי וועה, זיידעניו, אוי וועה, זיידעניו, וועה איז די יאָהר!״

— די ביינקלעך געבראָכען, די קישענס געריסען —
דער פעך איז געפאַלען ווי שניי אויף דער ערד...
און מיט אַ פרעהליכען נגון
האָבען געפייפט און געשריגען...
— „אוי וועה, זיידעניו, אוי וועה, זיידעניו, איין אומגליק
באַשערט!״

— זיי זענען באַפאַלען דאָס גרויס בית-המדרש...
ווי גרויס איז געוועזען און טיף אונזער שמאַרץ!
די ספרים צעריסען,
פאַרפלעקט און צעשמיסען...
— „אוי וועה, זיידעניו, אוי וועה, זיידעניו, ניט רייס אונז
דאָס האַרץ!״

— אַ רעגען האָט געגאָסען צו דער לויה...
אוי, ווער וועט פאַרגעסען דעם דאָזיגען טאָג!
אַז מ׳האָט באַהאַלטען די ספרים
האָבען געוויינט אַלע קברים...
— „אוי וועה, זיידעניו, אוי וועה, זיידעניו, אַ יאָמער אַ קלאָג!״

# שמחת־תורה.

קינדער, מיר האָבען שמחת־תורה,
שמחת־תורה אויף דער גאַנצער וועלט!
תורה איז די בעסטע סחורה —
אַזוי האָט דער רבי מיט אונז געקנעלט!

אוי וועה! אוי־אוי־אוי!
פרעהליך, קינדער, אָט אַזוי!
רענדליך שיטען זיך פון די זעק!
פרעהליך—אָהן איין עק!!

האָטש איך בין מיר איין אָרים יודעל,
און עס דאַרט מיר גוט דער מח,
שמחת־תורה זינג איך אַ ליעדעל,
און מאַך אַ גוטע כוסה אויך!
אוי וועה! א. ז. וו.

ווער סע קען ניט מיינע צרות
זאָל זיי ניט קענען—זאָג איך אייך;
נאָר טאַקי גלייך מיט אַלע שררות
בין איך אים שמחת־תורה רייך!
אוי וועה! א. ז. וו.

דבורה, גיב מיר די נייע קאַפּאָטע,
איך וועל זי אָנטהון טאַקי אַצונד.

איך וועל דיר זאָגען, אַלסדינג איז בלאָטע, —
אַבי מען איז ברוך־השם געזונד!
אוי וועה! א. ז. וו.

וואו איז בעריל, און וואו איז דוואָסי?
רוף זיי אַלע אין שטוב אַריין!
די מומע סאָסי, דעם פעטער יוסי —
זאָלען זיי אַלע פרעהליך זיין!
אוי וועה! א. ז. וו.

שמחת־תורה—פון גאָט א מתנה —
זאָל אונז תמיד הייליג זיין!
אפילו די שטערען מיט דער לבנה
זענען געגאַנגען טרונקען וויין!
אוי וועה! א. ז. וו.

דבורה! גיס־זשע נאָך אָן א גלעזעל
פון דעם יום־טוב׳דיגען וויין...
וואָס האָסט דו אַראָפּגעלאָזט דאָס נעזעל? —
אַ רוח אין מיינע שונאים׳ס טאַטען אַריין!
אוי וועה! א. ז. וו.

אוי וועה, דבורה, וואָס האָסט דו מורא,
כ׳בין אַביסעל פרעהליך, כ׳קען ניט שטעהן?
דבורה לעבען, אים שמחת־תורה
ווער איז ניט פרעהליך? זאָג אַליין!
אוי וועה! א. ז. וו.

צי עס דרעהען זיך מיט מיר די גאַסען,
צי עס דרעהט זיך מיט מיר די שטיב?

דבורה, אַט האָסט דו באמת גענאָסען! —
לעבען זאָלסט דו, דאָס לעבען איז ליעב!!
אוי וועה! א. ז. וו.

קינדער, מיר האָבען שמחת־תורה,
שמחת־תורה אויף דער גאַנצער וועלט!
תורה איז די בעסטע סחורה! —
אַזוי האָט דער רבי מיט אונז געקנעלט!

אוי וועה! אוי־אוי־אוי!
פרעהליך, קינדער, אַט אַזוי!
רענדליך שיטען זיך ווי זעק! —
פרעהליך אָהן איין עק!!

## דער ווינטער.

אוי העלפט מיר, קינדער, אינטער, —
קיין כחות איז ניטאָ...
געקומען איז דער ווינטער,
דער ווינטער איז שוין דאָ!

ער פרעגט קיינעם קיין דעות,
ער קומט ווי צו זיך אַהיים,
מיט דער ווייסער באָרד און פאות,
מיט דער ווייסער, גרויסער ברעם.

דורך טאָהל און וועלדער יאָגט ער,
געהויקערט צו דער ערד;
מיט זיך אַ בעזעם טראָגט ער —
און קעהרט, און קעהרט, און קעהרט!

מיט שניי געבעט די פעלדער,
פאַרפרוירען שטעהט דער וואַלד,
די פעלדער און די וועלדער
זיי ברומען: קאַלט... מ'איז קאַלט...

אין בעט ליגט קראַנק מיין שיינדעל,
מיט איהר דאָס קליינע קינד...
נישטאָ אין שטוב קיין שפענדיל,
אין פענסטער וויינט דער ווינט...

ער שווייגט דער אַלטער זיידע,
ער מאַכט זיך ניט פון דעם;
ער לאַכט אין די פויסטעןביידע
און שאָקעלט מיט דעם ברעם...

ער וויל קיינעם ניט שוינען,
חאָטש שריי, חאָטש וויין אָהן שעור...
וואו צער און עלענד וואוינען,
דאָרט קלאַפּט ער אין דער טיר.

איי, העלפט מיר, קינדער, אינטער, —
קיין כחות איז ניטאָ...
געקומען איז דער ווינטער,
דער ווינטער איז שוין דאָ!

# דער זיידע מיט דער באַבע.

ס'איז היינט אַקוראַט געווען פופציג יאָהר,
אַז זיי לעבען אינאיינעם—דאָס אַלטע פּאָר:
זיי האָבען זיך געעלטערט—קוקט אייך צו —
אַכציג ער, און זיבעציג זי.

האָטש דער זיידע מיט דער באַבע זענען קערץ און קליין,
נאָר דער זיידע מיט דער באַבע זענען מלא־חן:
ער מיט'ן שפּיצעכדיגען בערדעלע, מיט'ן גוידערעל זי —
אַכציג ער, און זיבעציג זי.

גאָט האָט זיי מיט עושר און כבוד באַגליקט,
אים לעבען האָבען זיי זיך קיין מאָל ניט געקריגט:
נאָר „נאָטעלע", נאָר „באַבעלע" רופען זיי זיך צו —
אַכציג ער, און זיבעציג זי.

זיי זענען היינט געגאַנגעןביידע אין שיל
און האָבען דאָרט געדאַווענט טאַקי פיעל;
גאָט האָט זיי געהאָלפען—ברוך הוא —
אַכציג ער, און זיבעציג זי.

פון דער שיל זענען זיי אַהיים געגאַנגען גלייך,
אויפ'ן טיש איז שוין געשטאַנען לעקעך אַ סך,
און די אייניקליך האָבען געוואַרט שוין פון אין דער־פריה —
אַכציג ער, און זיבעציג זי.

דער זיידע האָט זיך געוואַשען פון דער זילבערנער טאַץ,
אויפגעגאָסען האָט דאָס איניקעל, איך זאָג אייך, אַ שאַץ:
יענטעלע די שוואַרץ-חנ'יוודיגע, אָט-אַ-די. —
אַכציג ער, און זיבעציג זי.

דער עולם האָט זיך קיין עין-הרע געזעצט צום טיש,
און אַז מע האָט אויפגעגעבען די פייערדיגע פיש,
האָט אַדרשה געזאָגט רב הרשעלע-צבי —
אַכציג ער, און זיבעציג זי.

ווי דער זיידע איז געווען תמיד אַ פרומער איד,
יודען טהון גוטס איז ער קיין מאָל ניט מיד,
דערפאַר העלפט איהם גאָט אי שפעט, אי פריה —
אַכציג ער, און זיבעציג זי.

און ווי די באָבע איז געווען אַ ווייבעלע מלא-חן,
דאָס ציהרינג פאַסט איהר נאָך איצטער, זאָגט אַליין!
די באָבע האָט געטהון אַ שמייכעל דערצי —
אַכציג ער, און זיבעציג זי.

דער עולם האָט גענומען צי ביסלעך ווײן,
און דעם זיידען מיט דער באָבען אין ראָד אַריין;
די איניקלעך האָבען געפּליעסקעט צי —
אַכציג ער, און זיבעציג זי.

מע האָט געזעהען, דער עולם זאָל זיך ניט פריה צעגעהן,
דער פעטער ליבוש האָט זיך געלאָזט אַ קאָזאַק אַליין,
די מומע סאָסי איז געגאַנגען אַקעגען אויף איין קניה —
אַכציג ער, און זיבעציג זי.

אַזוי האָבען זיי געהיליעט ביז האַלבער נאַכט...
„באַבעלע—זאָגט דער זיידע—אַ גוטע נאַכט!”
שלאָף מיר געזונד, און דעק זיך גוט צו —
אַכציג ער, און זיבעציג זי.

דער זיידע איז געוועזען שוין זעהר אַלט,
איז ער אַנשלאָפען געוואָרען באַלד...
די באַבע האָט ניט געקאָנט מאַכען די אויגען צו —
אַכציג ער, און זיבעציג זי.

זי האָט זיך דערמאָהנט אָט דאָ ליגענדיג אין בעט,
ווי מע האָט איהר „נאָטען” פאַר אַ חתן גערעדט...
אַ מופלג איז ער געווען און שען דערצו —
אַכציג ער, און זיבעציג זי.

די באַבע האָט אָנגעהויבען צו דרימלען מיט אַמאָל,
איהר חלום וועל איך אייך דערצעהלען איין אַנדערס מאָל...
לאָמיר זיי בידע שוין לאָזען צו רוה —
אַכציג ער, און זיבעציג זי.

## דעם מיהלנער'ס טרעהרען.

אוי וויפיעל יאָהרען
זענען פאַרפאָהרען,
זינט כ'בין אַ מיהלנער אָט-אַ-דאָ...
די רעדער דרעהען זיך,
די יאָהרען געהען זיך,
איך בין שוין אַלט, און גרייז און גראָה,
די רעדער דרעהען זיך,
די יאָהרען געהען זיך,
איך בין שוין אַלט, און גרייז און גראָה.

ס'איז טעג פאַראַנען,
כ'וויל מיך דערמאַהנען,
צי כ'האָב געהאַט אַ שטיקעל גליק?...
די רעדער דרעהען זיך,
די יאָהרען געהען זיך, } בים.
קיין ענטפער איז ניטאָ צוריק.

מיין טרייע מינצי,
מיין קינד מיין שפרינצי,
אוי וועה, אַ יאָמער, אוי אַ שרעק!
די רעדער דרעהען זיך,
די יאָהרען געהען זיך, } בים.
מיט זיי זענט איהר אויך באַלד אַוועק.

פון גליק פאַרטריבען,
בין איך געבליבען,
אָהן ווייב, אָהן קינד אָט דאָ אַליין...
די רעדער דרעהען זיך,
די יאָהרען געהען זיך, בים.
און עלענד בין איך ווי אַ שטיין.

איך האָב געהערט זאָגען,
מ׳וויל מיך פאַריאָגען
אַרויס פון דאָרף און פון דער מיהל...
די רעדער דרעהען זיך,
די יאָהרען געהען זיך, בים.
אוי, אָהן איין עק און אָהן אַ ציעל...

וואו וועל איך וואוינען?
ווער וועט מיך שוינען? —
איך בין שוין אַלט, איך בין שוין מיד...
די רעדער דרעהען זיך,
די יאָהרען געהען זיך,
און אויך מיט זיי געהט־אויס דער איד...
די רעדער דרעהען זיך,
די יאָהרען געהען זיך,
און אויך מיט זיי געהט־אויס דער איד...

## גאָט איז אַ פאָטער.

(אַ ליעד פון רומעניען).

חאָטש כ׳בין פארשאָלטען דאָ פון יעדען—אוי, אוי, אוי
חאָטש כ׳לעב אין צרות און אין ליידען—אָט אַזוי!
נאָר ווי פאַר׳ן עמוד,
זינג איך תמיד:
גאָט איז אַ פאָטער—אוי, אוי, אוי!
נאָר ווי פאַר׳ן עמוד
זינג איך תמיד:
גאָט איז אַ פאָטער—אוי, אוי, אוי!

איהר שלאָגט מיט אייזערנע מיך ריטער—אוי, אוי, אוי!
איהר מאַכט מיין לעבען שווער און ביטער—אָט אַזוי!
נאָר בנאמנות,
ס׳איז אָהן סכנות:
גאָט איז אַ פאָטער—אוי! אוי! אוי! } בים.

איהר מעגט מיך מוטשען, מיר דערקוטשען—אוי, אוי, אוי!
מיך שלאָגען, יאָגען, שטעכען, ברעכען—אָט אַזוי!
אוי-וועה! אוי-וועה!!
גם זו לטובה,
גאָט איז אַ פאָטער—אוי! אוי! אוי! } בים.

איך קאָן קיין ברויט די קינדער געבען—אוי, אוי, אוי!
ס'איז נאָר אַ וואונדער ווי זיי לעבען—אָט אַזוי!
אוי ניטע, קינדער,
ס'איז ניט קיין וואונדער: בים.
גאָט איז אַ פאָטער—אוי! אוי! אוי!

צי'ז אונזער מזל שוין באַגראָבען—אוי, אוי, אוי!
צי וועלען מיר אויף שבת האָבען—אָט אַזוי!
אוי דבורה לעבען,
גאָט וועט געבען: בים.
גאָט איז אַ פאָטער—אוי! אוי! אוי!

דער פעטער פסח קומט צעלויפען—אוי, אוי, אוי!
געה פריוו אויף יום־טוב מצות קויפען—אָט אַזוי!
אוי דבורה, דבורה,
האָב ניט מורא: בים.
גאָט איז אַ פאָטער—אוי! אוי! אוי!

דער ווינטער איז מיט כעס געקומען—אוי, אוי, אוי!
צוויי שייטליך האָלץ וואו וועלען מיר געהמען—אָט אַזוי!
וואָס הער איך וועלטען,
פרעסט און קעלטען? — בים.
גאָט איז אַ פאָטער—אוי! אוי! אוי!

דו ווייסט דער ווינטער וועט פאַרפליהען, אוי, אוי, אוי!
איך זעה, די זון געהט אויף אין ציון—אָט אַזוי!

פון הייסע טרעהרען
וועט ווארעם ווערען —
גאָט איז אַ פאָטער—אוי! אוי! אוי!
פון הייסע טרעהרען
וועט ווארעם ווערען —
גאָט איז אַ פאָטער—אוי! אוי! אוי!

## לשנה הבאה בירושלים!

צי ווייסט איהר ווי עס הייסט דאָס אָרט,
די זון געהט קיינמאָל אונטער דאָרט?
איך וועל אייך זאָגען מיט איין וואָרט:
„ציון" הייסט דאָס אָרט.
שרייט-זשע, קינדער, צום בורא-שמים:
„לשנה הבאה בירושלים"!

איהר זעהט דאָך, קינדער, מן-הסתם:
די זון זי שפיגעלט זיך אין ים.
דאָס שפיגעלט זיך אונזער גליק,
געהט נאָר טהוט אַ קוק.
שרייט-זשע, קינדער, צום בורא-שמים:
„לשנה הבאה בירושלים"!

אין ציון, אונזער הייליג אָרט,
וועלען מיר בלומען זייען דאָרט.
ביימער ביז אין הימעל הויך,
און אתרוגים אויך.
שרייט-זשע, קינדער, צום בורא־שמים:
„לשנה הבאה בירושלים”!

פיהלען וועלען מיר ניט קיין נויט,
גאָט וועט אונז געבען תמיד ברויט,
יעדעס פעלד מיט ברויט באַשיט —
גיט קיין עין־הרע ניט! —
שרייט-זשע, קינדער, צום בורא־שמים:
„לשנה הבאה בירושלים”!

דערמאָנט אייך, קינדער, נאָר אָן דעם,
אַז מיר וועלען זיין אין אונזער היים,
וועט זיך ניט גיסען, קיינמאָל ניט,
יודיש, יודיש בלוט...
שרייט-זשע, קינדער, צום בורא־שמים:
„לשנה הבאה בירושלים”!

אַז אַ פרעמדער וועט קומען אין אונזער לאַנד,
וועלען מיר איהם פריינדליך געבען די האַנד:
נאָר דער קען יענעמס צער פאַרשטעהן,
ווער עס האָט געליטען אַליין...
שרייט-זשע, קינדער, צום בורא־שמים:
„לשנה הבאה בירושלים!”

# די זון.

די זון איז אויפגעגאנגען,
עס שיינט אין יענעם אָרט...
מיט הימעלשע געזאנגען
פליהען פייגעל דאָ און דאָרט!
הער! זיטע ליעדער קלינגען --
זיי נעהמען דאָס הארץ ארויס...
זיי קלינגען, זיי באזינגען
די וועלט ווי זי איז גרויס!

ווי זאָל די זון ניט שיינען,
די פייגעל זיך ניט פרייהען:
גאָט פיהרט אונז אויס פון דאנען,
אויס טרעהרען, אויס געוויין!
די הענד שוין אויפגעבינדען...
צעבראָכען ליגט די קייט...
דער גלות איז פארשווינדען!
פארשווינדען צער און לייד!

ביז וואַן די זון וועט זונקען —
דערלאַנגט דעם בעסטען וויין!
לחיים וועל איך טרינקען:
לאָז גאָט מצליח זיין!

לחיים אונזערע ברידער!
לחיים אונזערע פריינד!
קלינגט הויך, קלינגט הויך, איהר ליעדער
אויף תמיד אַזוי ווי היינט.

די זון איז אויפגעגאַנגען,
זי שיינט אין יעדען אָרט...
מיט הימעלשע געזאַנגען
פליהען פייגעל דאָ און דאָרט!
הער! זיסע ליעדער קלינגען —
זיי נעהמען דאָס הארץ אַרוים...
זיי קלינגען, זיי באַזינגען
די וועלט ווי זי איז גרויס!

# דער אמת *).

לאָמיר דעם אמת, ברידער, זינגען,
ווייט הויך זאָל ער אויף דער וועלט קלינגען!
אויף אמת שטעהט דאָס גאַנצע לעבען...
דעם אמת האָט אונז גאָט געגעבען!
אמת! אמת!
דעם אמת האָט אונז גאָט געגעבען!

דער אמת איז די הייליגע תורה!
זאָגט הויך דער וועלט דאָס וואָרט אָהן מורא...
ווי באַלד דער מענש וועט בעסער ווערען,
וועט אויך די גאַנצע וועלט דאָס שווערען...
אמת! אמת!
וועט אויך די גאַנצע וועלט דאָס שווערען!

אוי, וויפיעל טרעהרען איז פאַרגאָסען,
אוי וויפיעל טייכען בלוט געפלאָסען,
נאָר פאַר דעם טויט און אונטער שטיינער
בלייבט אונזער שירה: „גאָט איז איינער!"
אמת! אמת!
בלייבט אונזער שירה: „גאָט איז איינער!"

*) פון דער ליעד הויבט זיך אָן אַ צווייטע טייל פון נייע, אין ערגעץ נאָך נישט געדרוקטע ליעדער, פערבליבענע נאָכ'ן טויט פון מחבר.

דאָס וויים דער מענש, דאָס וויים דער מינדסטער:
אָהן אמת איז דאָס לעבען פינסטער;
אָהן אמת איז דער מענש אַ קרבן,
אָהן אמת איז ער ווי געשטאָרבען!
אמת! אמת!
אָהן אמת איז ער ווי געשטאָרבען!...

האָטש ווייט פאַריאָגט, האָטש ווייט פאַרטריבען,
דער אמת איז אונז פאָרט געבליבען...
ער איז פאַר אונז אַ קול-מבשר,
ער קומט ווי בוימעל אויף דעם וואַסער
אמת! אמת!
ער קומט ווי בוימעל אויף דעם וואַסער!

לאָמיר דעם אמת, ברידער, זינגען,
ווייט, הויך זאָל אויף דער וועלט ער קלינגען!
אויף אמת שטעהט דאָס גאַנצע לעבען...
דעם אמת האָט אונז גאָט געגעבען!
אמת! אמת!
דעם אמת האָט אונז גאָט געגעבען!

# דער מאַמע'ס ענטפער.

אוי דיין בריעף
האָט מיר טיעף
דאָס הארץ אויף צוויי צושניטען;
גאָט אַליין
האָט געזעהן
וואָס איך האָב דאָ געליטען.

יעדעס וואָרט
אין בריעף צו מיר
האָט איך אויסגעקישט באַזינדער;
איך בין געוועזען
נעבען דיר
און נעבען מיינע קינדער!...

גאָט וועט געבען
מיר וועלען זיך זעהן —
גאָטס'ס ווילען ווייסט ניט קיינער...
קומען וועט
דער טאָג צוגעהן —
קומען וועט דער שענער!...

קומען וועט
דער טאָג צוגעהן
קומען וועט דער שענער —
מיר זאָל זיין
פאַר דיר, מיין זוהן,
און פאַר דיינע ביינער!...

קינד, ניט קלאָג
און ניט וויין,
דו דאַרפסט דאָס הארץ פאַרשליסען...
אויף דעם פעלד
בין איך געווען
דעם טאטען לאָזען גריסען.

דו מיין קרוין,
דו מיין הארץ,
נעהם-צו דער מאמע'ס ברכה...
אזוי גרויס
ווי דאָ מיין שמארץ
זאָל גרויס זיין דיין הצלחה!...

זיי געזינד
מיט ווייב און קינד...
איך בין דיין טרייע מוטער!
וואָס-זשע וויינסט
דו אזוי אצינד,
באקלאָגסט זיך אזוי ביטער?

קומען וועט
אַמאָל דער טאָג,
קומען וועט דער שענער!
קינד, ניט וויין
און ניט קלאָג,
פאַרשווין דער מאַמע׳ס ביינער!

## דער פּאָדים.

די זון האָט זיך באַהאַלטען,
איהר שיין איז שוין ניטאָ...
איך נעה און נעה,
איך זעה, איך זעה
די נאַכט, די איז שוין דאָ.
יעדער שטאָך מיט דער נאָדעל
טהוט מיר אַ שטאָך אין הארצען,
קיינער ווייס ניט מיין פיין און מיינע שמאַרצען...
דאָס פּנים, דאָס פּנים
ווי דער טויט בלאַס;
דער פּאָדים, דער פּאָדים
פון טרעהרען נאַס!

דער טאַטע איז געשטאָרבען,
די מאַמע אין שפיטאָל.
איך נעה און נעה,
איך זעה, איך זעה

איהר וועהטאָג אַלע מאָל.
כ׳געה מאָרגען צו דער מאַמען
אויף אַ גאַנצע נאַכט...
מאַמע, איך האָב דיר מיין נשמה געבראַכט.
דאָס פּנים, דאָס פּנים
א. ז. ו.

דוד האָט אָבגעשיקט די תנאים,
וועה איז מיינע יאָהר!...
איך געה און געה,
איך זעה, איך זעה
גענאַרט האָט ער מיך גאָר!
ער נעהט איין אַנדער מיידעל,
אַ כלה יאָ מיט געלד...
וויסט און פינסטער איז מיין וועלט!
דאָס פּנים, דאָס פּנים
א. ז. ו.

ביי דער שוועסטער אַרביט
שטעהט דוד׳ס בילד פאַר מיר...
איך געה און געה,
איך זעה, איך זעה
גליקליך איז ער מיט איהר!
נאָר וואָס איז זי דאָ שולדיג —
זי האָט דאָך אויך אַ האַרץ...
אפשר פיהלט זי דעם אייגענעם שמאַרץ!
דאָס פּנים, דאָס פּנים
א. ז. ו.

דאָס ליכט איז אויסגעגאַנגען
נאָר ס׳גערט ניט אויס מײַן קלאָג...
איך גײ און גײ,
איך זע, איך זע
ס׳איז שוין געוואָרן טאָג!
אָפּגעריסען האָט זיך דער פאָדים
ווי מײַן האַרץ אויף צוויי...
טרערען גיסען, טרערען טראָפּפען אויף זיי...
**דאָס פּנים, דאָס פּנים**
**ווי דער טויט בלאַס;**
**דער פאָדים, דער פאָדים**
**פון טרערען נאַס!**

## די באַבע.

כ׳ליג און טראַכט
טאָג ווי נאַכט
גאָט זאָל מיך דערהערען —
ביזט שוין באַלד
צוואַנציג אַלט
צייט אַ חתן ווערען.

אונזער שטאָדט
איז אַ סאָד,
וואַקסען דען ניט בלומען?...

קלייב דיר אוים

פון זיי אַ רויז

מיר צוליעב, בנימין.

צירעלי,

מירעלי,

גאָלדענע צוויי קינדער;

גיטעלי,

ריטעלי —

כ׳זאָג דיר: גאָר אַ וואונדער!

פערעלי,

שרעלי —

גאָר צוויי שענע טויבען!

פעסעלי,

גנעסעלי —

וואָס איז דאָ צו קלויבען?

חנהלי,

ברײַנעלי —

אוי אַ דימאַנט יעדע...

רחלי,

ברכהלי —

הימעל־שטערעןביידע!

חינציניו,

שפרינציניו —

קענען נור געפעלען!

ריקעלי,
מיקעלי —
פאַר'ן קייסער נאָר צו שטעלען!

כ'ליג און טראַכט
טאָג ווי נאַכט:
וואָס איז דאָס מיט דיר, בנימין?
ביזט שוין באַלד
צוואַנציג אַלט —
און ביזט אַ בחור נאָך, בנימין?

אונזער שטאָדט
איז אַ סאָד
פון הוילע שענע בלומען...
קלויב דיר אויס
פון זיי אַ רויז
מיר צוליעב, בנימין!

## די וועלט.

I.

קוקט אייך צו צו דער וועלט צו דער שענער:
זי איז יונג, און זי שיינט און זי בליהט!...
שוין באַזונגען די וועלט האָט ניט איינער
אין זיין פרעהליכער, רוישענדער ליעד.

פון איהר טיעף ביז די ליכטיגע שטערען
געהט אַ פרעהליך געזאַנג אויף דער וועלט:
בערג און טהאָל גיסען פרייד־פולע טרעהרען,
יעדעס ביימעלע פרעהט זיך און קוועלט!...

און די זון געהט דאָ קיינמאָל ניט אינטער,
און זי קוקט פון דעם הימעל אַראָפּ...
בלומען בליהען אי זומער אי ווינטער,
און די צווייגען זיי וויאַנען ניט אָפּ...

דער מענש לעבט זיך אין פרייד, אין נחמה:
אויף דערויף איז דאָס לעבען געשטעלט...
אוי די וועלט איז אַ יונגע נשמה,
ווייל ס'איז יעדע נשמה אַ וועלט!...

II

קוקט אייך צו צו דער וועלט, צו דער שענער:
זי איז אַלט, זי איז מאַט, זי איז מיעד...
שוין באַקלאָגט האָט די וועלט דאָ ניט איינער
אין זיין טרויעריג, וויינענדיג ליעד.

אין איהר טיעף ליגען אוצרות פערבאָרגען:
דימאַנטען און פעריל — אַ שרעק...
נאָר איהר האַרץ איז פאַראומערט מיט זאָרגען,
שטענדיג ווינט זי און קלאָגט אָהן איין־עק...

פון די אוצרות וואָס קאָן פון זיי ווערען
אַז דאָס לעבען איז ביטער און שווער...

יעדער דימענט צוגעהט זיך אין טרעהרען,
יעדעס פעריל צוגעהט אין אַ טרעהר!...

דער מענש פיהרט מיט דעם גליק אַ מלחמה,
נאָר דאָס גליק איז פאַרהאַנגען, פאַרשטעלט...
און די וועלט איז איין אַלטע נשמה,
ווייל ס'איז יעדע נשמה אַ וועלט!...

## דאָס פרעהליכע שניידעריל.

אַז דער יום-טוב הייבט זיך אָן צו באַווייזען
ווער איך ביי מיר אַ גדול:
איך לעג-אַוועק מיין שעער און אייזען
און וואו כ'האָב ביי מיר נאָר אַ נאָדיל.
  אויפגעהערט נעהען, אַרבייט זוכען,
הארצידיגער טאַטע!
אַביסעל וויין אים יום-טוב צו פאַרזוכען
איז בעסער ווי צו לייגען אַ לאַטע!

אַז דער יום-טוב קומט, ווערט מיר אַביסעל
פרעהליך אויף דער נשמה;
בפרט אַז גאָט גיט, ס'איז דאָ אין שיסעל —
ווערט דאָס לעבען אַ נחמה.

דאָם האַרץ איז זיך פּשוט טאַקי מחיה,
ניט דאָ קיין גריזאָטע:
חנה טהוט־אָן מלבושים נייע,
און איך מיין קאַפּאָטע!...

די קינדער זאָט—ס'איז טאַקי אַ חדוש,
זיי שפּילען אקח־און מקח.
נאָך דער שול מאַך איך אַ גוטען קדוש
און פערביים מיט קאָרענעם לייקעך.
צו די פיש האָב איך קיין טענה —
זענען גוט געפעפערט און געזאַלצען:
אַז מען נעהמט זיי אין מויל—לעבען זאָל חנה —
ווערען זיי אין מויל צעשמאַלצען!

דאָס גלעזעל וויין איז לויטער ווי דער הימעל
און וואַרימט ווי אַ פעלץ אים ווינטער:
נאָכ'ן בענשען חאַפּ איך אַ גוטען דרימעל
און חנה חאָרכעלט אינטער.
דאָ חאַפּ איך מיך אוף—ס'איז ניט קיין וואונדער,
מען טאָר קיין צייט פערליערען.
נעהם איך מיר חנה און ביידע קינדער
און געה מיר אויפ'ן שליאַך שפּאַצירען!

באַלד טרעף איך אונזער קאָמאַנדע דאָרטען,
מען רעדט פון דער מלחמה,
ווי מען מאַכט פּושקעס אַלערליי סאָרטען,
מען לייגט מענשען אין דער אדמה.
מען פערגיסט בלוט אָהן רחמנות —
מענשען קוילענען מענשען;

היינט זאָגט מיר טאַקי בנאמנות
צי קאָן אַזוינס גאָטעניו בענשען?

חאָטש אין דער מלחמה פערשטעה איך מיר וועניג—
וואָס האָט מען דאָ צו שמועסען:
איך זאָל זיין דער פּרייסישער קעניג
וואָלט איך פאַרבאָטען צו שיסען;
איך וואָלט ניט דערלאָזט אַזוינע רציחות,
איך וואָלט געזאָגט אָהן מורא:
אַנשטאַט זיך צו שלאָגען—ביידע מלוכות
בעסער געהן צו אַ דין-תורה!...

דערנאָך געהן מיר צו גאַסט צו אונזערע שכנים,
מען רעדט זיך אויס דאָס האַרץ צו ביסליך,
ווי מיר וועלען זיין אין ציון אין-איינעם,
מען רעדט און מען קנאַקט זיך ניסליך.
אוי, איך וועל אייך זאָגען, טייערע קינדער,
די מעשה איז ניט קיין נייע —
אַז גאָט וויל מאַכט ער די גרעסטע ווינדער
ביי זיך אין דער מאַסטערסקייע!

נאָר די יום-טוב'דיגע טעג פאַרגעהען,
האַרצעדיגער טאַטע!
ווידער שניידען, ווידער נעהען,
ווידער לעגען אַ לאַטע;
ווידער ציהט זיך דאָס אַלטע לעבען,
אוי וועה, חנה, סערדצע-לעבען,
צי האָסט דו ניט וואָס צו פערבייסען?!

# דער יוד אים וועג.

(טרילאגיע)

## I. דער חלום.

דאָרטען אונטער דעם בוים שלאָפט זיך רוהיג דער יוד...
אוי זיין פּנים איז שוואַרץ, יעדער אבר איז מיעד;
יעדער אבר איז מיעד, און צובלוטיגט די פיס...
נאָר ער שלאָפט אַזוי שטאַרק, נאָר ער שלאָפט אַזוי זיס!...
ער איז איצטער אים וועג אי בייטאָג אי ביינאַכט,
ער איז איצטער אים וועג אי פאַרשטויבט אי פאַרשמאַכט.
יעדער אבר איז מיעד, און צובלוטיגט די פיס...
נאָר ער שלאָפט אַזוי שטאַרק, נאָר ער שלאָפט אַזוי זיס!...

ניטע, וועקט איהם ניט אויף—וואויל דעם אָרימען יודען!
געהט פאַרביי, געהט אַוועק! לאָזט איהם רוהען צופרידען!
אין שלאָף פיהלט ניט דער מענש אַזוי ביטער דעם שמאַרץ;
אין שלאָף רוהט די נשמה, דאָס פאַרביטערט האַרץ...

און עס חלומ'ט זיך איהם גרינע וועלדער אין טאָהל,
בלומען בליהען אויף זיי אָהן אַן עק, אָהן אַ צאָהל...
און וואָס טיפער ער געהט אי וואַלד־אויס, אי וואַלד־איין —
שיינט די זון אויף איהם מעהר מיט איהר פּראַכט, מיט איהר שיין...
ער דערמאָהנט זיך אַצונד אָן אַמאָליגער צייט
וויפיל לייד, וויפיל צער—ער האָט נעביך געהאַט...
ער דערמאָהנט זיך אַצונד—אוי די צייט איז ניט וויַט —
ס'איז פאַרשוואונדען די צייט און פאַרוועהט ווי דער רויך...

און די זון און די זון שיינט און שפּיגעלט זיך הויך !...
ניטע, וועקט איהם ניט אויף—וואויל דעם אָרימען יודען !
געהט פאַרביי, געהט אַוועק ! לאָזט איהם שלאָפען צופרידען...
אין שלאָף פיהלט ניט דער מענש אַזוי ביטער דעם שמאַרץ...
אין שלאָף רוהט די נשמה, דאָס בלוטיג האַרץ...

דאָרטען אונטער דעם בוים שלאָפט זיך רוהיג דער יוד...
אוי, דאָס פּנים איז שוואַרץ, יעדער אבר איז מיעד,
יעדער אבר איז מיעד, און צובלוטיגט די פיס...
נאָר ער שלאָפט אַזוי שטאַרק, נאָר ער שלאָפט אַזוי זיס !...
ער איז איצטער אין וועג—אי בייטאָג אי ביינאַכט, —
ער איז איצטער אין וועג—אי פאַרשטויבט אי פאַרשמאַכט.
יעדער אבר איז מיעד, און צובלוטיגט די פיס,
נאָר ער שלאָפט אַזוי שטאַרק, נאָר ער שלאָפט אַזוי זיס !...
ניטע, וועקט איהם ניט אויף—וואויל דעם אָרימען יודען !
געהט פאַרביי, געהט אַוועק ! לאָזט איהם רוהען צופרידען...
אין שלאָף פיהלט ניט דער מענש אַזוי ביטער דעם שמאַרץ...
אין שלאָף רוהט די נשמה, דאָס פאַרביטערטע האַרץ...

און סע חלומ'ט זיך איהם גאָר אַ נייע מין וועלט,
אַזוי גרויס ווי די וועלט, זעהט ער, ציהט זיך אַ פעלד...
יודען שניידען און זאַמלען און בינדען דאָס ברויט... —
די זון זעצט זיך, דער הימעל איז פייערדיג רויט...
און זיי רופען צו גאָט : „מיט דיין האַנד, מיט דיין מאַכט
האָסט דו אָפּגעטיילט טאָג פון דער נאַכט, גרויסער גאָט
און דער באַרג, און דער טאָהל זינגען אַלע „אחד" !...

ניטע, וועקט איהם ניט אויף—וואויל דעם אָרימען יודען!
גערהט פאַרביי, גערהט אַװעק! לאָזט איהם רוהען צופרידען...
אין שלאָף פיהלט ניט דער מענש אַזוי ביטער דעם שמאַרץ,
אין שלאָף רוהט די נשמה, דאָס פאַרביטערטע האַרץ...

דאָרט אונטער דעם בוים שלאָפט זיך רוהיג דער יוד...
אוי דאָס פּנים איז שוואַרץ, יעדער אבר איז מיעד;
יעדער אבר איז מיעד, און צובלוטיגט די פיס,
נאָר ער שלאָפט אַזוי שטאַרק, נאָר ער שלאָפט אַזוי זיס!...
ער איז איצטער אין וועג—אי ביי טאָג, אי ביי נאַכט;
ער איז איצטער אין וועג—אי פאַרשטויבט אי פאַרשמאַכט...
יעדער אבר איז מיעד, און צובלוטיגט די פיס,
נאָר ער שלאָפט אַזוי שטאַרק, נאָר ער שלאָפט אַזוי זיס!...
ניטע, וועקט איהם ניט אויף—וואויל דעם אָרימען יודען!
גערהט פאַרביי, גערהט אַװעק! לאָזט איהם רוהען צופרידען...
אין שלאָף פיהלט ניט דער מענש אַזוי ביטער דעם שמאַרץ,
אין שלאָף רוהט די נשמה, דאָס פאַרביטערטע האַרץ...

און סע חלום'ט זיך איהם, אַז ס'איז יום-טוב אַצינד
און ער זיצט אין דער היים מיט זיין ווייב, מיט זיין קינד...
ס'איז אַ ברכה פון גאָט—ער האָט יום-טוב געמאַכט,
און ער שמייכעלט צום קינד, און ער קישט עס און לאַכט...
און ער זאָגט צו דעם קינד: „עס דאָס שטיקעלע ברויט!"...
און ער זאָגט צו דעם קינד: „דו וויים קיין מאָל קיין נויט!"...
און ער זאָגט צו דעם קינד: „וויים קיין צער און קיין פיין!"
און ער זאָג צו דעם קינד: „פאַר דיין קאָפּ זאָל מיר זיין!"
ניטע, וועקט איהם ניט אויף—וואויל דעם אָרימען יודען!
גערהט פאַרביי, גערהט אַװעק! לאָזט איהם רוהען צופרידען...

אין שלאָף פיהלט ניט דער מענש אַזוי ביטער דעם שמאַרץ...
אין שלאָף רוהט די נשמה, דאָס פאַרביטערטע האַרץ...
דאָרטען אונטער דעם בוים שלאָפט זיך רוהיג דער יוד...
אוי, דאָס פנים איז שוואַרץ, יעדער אבר איז מיעד;
יעדער אבר איז מיעד, און צובלוטיגט די פיס...
נאָר ער שלאָפט אַזוי שטאַרק, נאָר ער שלאָפט אַזוי זיס!...

## II. שטעה אויף!

(אונטער דער סצענע הערט מען זינגען איניגע מענער-שטימען (באַסען). דער כאָר איז אויף דער סצענע).

די זון שטעהט הויך, די וועלדער בליהען,
פון צפון וועהט אַ קיהלער ווינד.
שטעה אויף מיין האַרץ—ניט ווייט איז ציון,
געשלאָגען האָט די שעה אַצינד.

כאָר (בים)

שטעה-אויף, מיין האַרץ—און האָב ניט מורא,
ניט יאָגען וועט נאָך דיר דער פיינד —
פאַר דיר וועט געהן די היילינע תורה
און אויסגעשטרעקט וועט זיין מיין האַנד!...

כאָר: שטעה אויף מיין האַרץ...

דו האָסט געגוג, מיין האַרץ, געליטען
אויף יעדען שריט, אויף יעדען טריט;

האָסט ניט געהאַט קיין טאָג קיין גוטען,
דו האָסט גענוג פאַרגאָסען בלוט...
כאָר: שטעה אויף, מיין הארץ...

דו האָסט געוויינט, דו האָסט געבעטען,
כ'האָב דיך דערהערט אין מיין געצעלט —
איך האָב צעבראָכען דיינע קייטען,
איך האָב געעפענט דיר די וועלט...
כאָר: שטעה אויף, מיין האַץ...

## III. די טעכטער ציון'ס זינגען.

(די סצענע שטעלט פאָר אַ באַרג—אויף דעם באַרג זיצען יונגע מיידלעך און קינדער...)

מענער זינגען, כאָר.

ק אַ נ ט אָ ר.

אוי, הער ישראל—אָט דאָס איז אונזערע היילינע תורה,
פאַרבאָרגען אין איהר ליעגט דאָס היילינע געבאָט —
די וועלט האָט געוואָלט אונז פאַרשטויסען אָהן מורא,
נאָר אַנדערש האָט גאָט מיט זיין ווילען געדאַכט, גרויסער גאָט!
ס'גיסט מעהר קיין בלוט, און דאָס הארץ שלאָגט אָהן פחד, אָהן מורא...
פריי ביזט דו אַצונד מיט דיין ווייב, מיט דיין קינד—וואויל איז דיר!
די שמחה איז גרויס—ס'איז באמת אַצונד שמחת-תורה!
ווי העל שיינט די זון—ס'איז אונמעגליך צו קוקען אין איהר!

(די מיידלעך און קינדער מיט בלומען געהן-אַראָב פון דעם באַרג—זיי האַלטען בלומען און גריליאנדען, און טאַנצען און זינגען.)

די טעכטער ציון'ס זינגען,
די זיסע ליעדער קלינגען
ווייבאַלד די ליעדער קלינגען
בליהט-אויף ביז נאַכט דאָס פעלד!

די זון קומט צו דערמאַהנען
די נאַכט: „אַוועק פון דאַנען —
איך מוז די וועלט בעשיינען...
אָהן מיר איז ניט קיין וועלט!"

(טענץ).

די הימעל זענען אָפען,
די נאַכט איז ווייט אַנטלאָפען —
מיט לעבען און מיט האָפען
ווערט ליכטיג דאָרט אין וואַלד...

די טעכטער ציון'ס זינגען,
די זיסע ליעדער קלינגען —
ווייבאַלד די ליעדער קלינגען
דאַן פרעהט זיך יונג און אַלט!...

די זון שטעהט הויך, די וועלדער בליהען...
דער ירדן וויעגט זיך שטילערהייד...
און דער לבנון קוקט אויף ציון, —
די אַלטע מוטער וויינט פאַר פרייד!...

(ביים טאַנצען פאַלט דער פאָרהאַנג).

# אויף קדוש־השם.

(נאכט. דאָס ליעד ווערט געזונגען אין דער פינסטער, ליגענדיג אַרום אַ פייעריל).

כ׳ליג דאָ אין פייער,
ס׳ברענט אַרום מיר —
פאַטער געטרייער,
כ׳שטאַרב דאָ פאַר דיר...
פינסטער די שטערען
אין דיין געצעלט,
ס׳גיסען זיך טרעהרען
דורך אויף דער וועלט...

כאָר: די וועלט וויל אַ קרבן —
ווײנט אַלע מיט...
דער גוף איז געשטאָרבען —
די זעל אָבער ניט!

די הענד אוי אין קייטען
הויב איך קוים אויף;
די אויגען זיי בעטען
גיכער דעם סוף.
לעגט־אונטער פייער,
גיסט־אונטער הייל...
נאַכט, ביזט מיר טייער...
שמע ישראל!

כאָר: גאָט דו ביזט איינער!
זאָגט אַלע מיט...
ס'ברענען די ביינער —
די זעל אָבער ניט.

ווער וועם דאָס לעבען
קיינמאָל געלאַכט,
ווען וואָלקענס שוועבען,
יאָגען די נאַכט...
וויים דאָך דער מינדסטער,
דאָס וואָס איך זאָג:
תמיד ווערט פינסטער
איידער ס'ווערט טאָג.
כאָר: די וועלט וויל אַ קרבן א. א. וו.

ס'געהט אוים דער פייער,
שטיל שלאָגט דאָס האַרץ...
פאָטער געטרייער,
כ'פיהל ניט קיין שמאַרץ...
דו האָסט געגעבען,
דו נעהמסט צוריק...
שווער איז דאָס לעבען,
שטאַרבען אַ גליק.
כאָר: די וועלט וויל אַ קרבן א. א. וו.

ס'שיינט דאָרט—אַ מורא
שרעק ניט, מיין זעל,

גיט מיר די תורה —
שמע ישראל!
נעהענטער, ברידער,
נאָה'נט איז גאָט,
הימעלשע ליעדער
זינגען: אחד!
כאָר: גאָט דו ביזט איינער א. א. וו.

## אויף דעם אַלטען בית־עולם.

אויף דעם אַלטען בית־עולם טיעף שפּעט אין דער נאַכט,
ווען דער ווינד האָט געבלאָזען מיט רעש און מיט מאַכט,
איז אַ יונגע אלמנה געשטאַנען אַליין
און געבראָכען די הענד מיט אַ ביטער געוויין...

ניט מיט פּעריל און גאָלד האָט געשימערט איהר קלייד,
ניט מיט פּעריל און גאָלד איז'ס געוועזען בעגייט,
אויף איהר פּנים דעם בלאַסען, פאַרשטיינערט, און שווער
זענען טרעהרען געהאַנגען — אַ טרעהר אויף אַ טרעהר...

זי האָט געבראָכען די הענד און געוויינט: וועה איז מיר!
עפען גיכער מיין קבר, גאָט, נעהם מיך צו דיר!

שוין אַ וועלט איז פאַראומגליקט—ס'איז אַ מורא צו זעהן...
הער די קברים וויינען—אַ ביטער געוויין.

כ'טראָג מיין גורל מיט טרעהרען פון תמיד אָן שווער,
כ'טראָג מיין גורל דעם שווערען, נאָר כ'קאָן שוין ניט מעהר.
כ'קאָן ניט צוזעהן: דעם וועהטיג, די אָפענע וואונד
פון דער אָרימער מוטער, די טרעהר פון דעם קינד!

אוי, איהר יודישע טרעהרען פאַרזאָדען מיט בלוט,
אוי, איהר יודישע טרעהרען וואו זענט איהר דען ניט?
ווי פאַרפרוירען, פאַרקאָוועט פון ווינד און פון קעלט,
וואַקסען־אויס פון אייך שטיינער—פון שטיינער אַ וועלט!...

אַזוי האָט די אלמנה געוויינט אָהן אַ שיעור —
פלוצים, זעהט זי אַ מלאך,—ער שטעהט נעבען איהר,
זי פאַרדעקט איהר בלאַס פנים פאַר שרעק מיט די הענד,
און דער מלאך האָט זיך צו דעם אומגליק געווענדט:

אוי, ניט וויין און ניט יאָמער, דו אומגליקליך האַרץ,
כ'בין געקומען אויף פליגעל דיר שטילען דיין שמאַרץ.
כ'בין געקומען צו דיר, נאָר איך פליה באַלד צוריק...
כ'בין דאָס גליק אין דעם לעבען—אים לעבען דאָס גליק!

איך וויל קומען אַמאָל צו דער זינדיגער וועלט,
וואו די זון איז פאַרהאַנגען, די זון איז פאַרשטעלט...
איך וויל ברייננגען מיט מיר איבער בערג, איבער טאָהל
דעם גן־עדן, באַגליקען די ערד נאָך אַמאָל!...

מיט דעם וואָרט איז דער מלאך צום הימעל צוריק...
ס'איז געבליבען דאָס אומגליק—אַוועק איז דאָס גליק...

אויף דעם אַלטען בית-עולם שפּעט, טיעף אין דער נאַכט
האָט ניט אויפגעהערט זיפצען דער ווינד מיט זיין מאַכט...

אויף דעם היילי‍גען אָרט בין איך ווידער געווען,
און אַ שוואַרצע געשטאַלט האָב איך דאָרטען געזעהן —
כ׳האָב די אַלטע אַלמנה ביים קבר דערקענט:
זי האָט ביטער געוויינט און געבראָכען די הענד!...

## וואָס מעהר ס׳בלוטיגט מיין האַרץ.

וואָס מעהר ס׳בלוטיגט מיין האַרץ,
וואָס מעהר כ׳פּיהל אין איהם קעלט...
וואָס מעהר טיעפער מיין שמאַרץ —
איז מיר ווייטער די וועלט...

וואָס מעהר ס׳בלוטיגט מיין האַרץ,
וואָס מעהר ליידען ס׳האָט...
וואָס מעהר טיעפער מיין שמאַרץ —
איז מיר נעהנטער אַלץ גאָט!

## חד־גדיא.

לאָמיר זינגען דאָרט און דאָ,
משה, נעהם די פידעל:
דעם חד־גדיא, חד־גדיא —

האָטש דאָס ליעדעלע איז אַלט,
נאָר ס'ועט ווערען יונגער באַלד...

חד־גדיא! חד־גדיא! חד־גדיא!

ציה די סטרונעס אַלע אָן,
ווייל דאָס ליעדעל הייבט זיך אָן!

יעדער וויס דאָס—גרויס און קליין —
אַז ביים אַלטען טאַטען,
איז אַ ציעגעלע געווען...
הערט אַ משא־מתן:

קומט אַ קעצעל—ס'איז ניט פויל,
האַפּט דאָס ציגעלע אין מויל...

חד־גדיא! חד־גדיא! חד־גדיא!

כ'האָב נאָך געהערט אין וויגעלע
דאָס ליעדעל פון דעם ציגעלע...

חד־גדיא! חד־גדיא! חד־גדיא!
(בים).

טהוט זיך פון דער קייט אַ ריס
אַ פּיסקאַטע הינטעל,

טהוט דאָס קעצעלע אַ בים,
יאָגט גלייך ווי אַ ווינטעל...
יאָגט אויף אַלע פיער צוריק,
איבער וואַסער אָהן אַ בריק...
חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!
יאָג זיך, טראָג זיך, הינטעלע —
ניט תמיד וועהט אַ ווינטעלע!...
חד-גדיא! חד-גדיא!

וואָס ס'איז וויטער דאָרט געשעהן
וועל איך אייך באַלד זאָגען:
קומט אַ שטעקעלע צו געהן,
חאַפּט דאָס הינטעל שלאָגען...
דאָס הינטעל שרייט—ס'איז אַ געוואַלד!
ביז עס ווערט אַנשוויגען באַלד...
חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!

שטעקען, שטעקען, שטעקעלע
פון יעדער זייט איין עקעלע!
קומט דאָס פייער אויפ'ן אָרט —
פשוט מיט סכנות...
און צעברענט זיך דאָ און דאָרט
גאָר אונ'ברחמנות...
ביז אין הימעל געהט דער רויך
און פאַרברענט דאָס שטעקעלע אויך...
חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!

פייער! פייער... אוי עס בריעט...
אוי, דאָס לעבען קאָכט און זיעדט...
חד־גדיא! א. א. וו.

האָט דאָס וואַסער דאָס דערזעהן —
אוי די הילף איז טייער —
קומט דאָס וואַסער גלייך צוגעהן
און פאַרלעשט דאָס פייער...
וואו ס'איז נאָר געווען אַ פינק,
איז פאַרלאָשען באַלד אַלסדינג...
חד־גדיא! חד־גדיא! חד־גדיא!
וואַסער! וואַסער! גיעס און גיעס,
וואו דו לויפסט, גיב־אָפּ אַ גריס...
חד־גדיא! א. א. וו.

קומט איין אָקס, אַליין ניט גרויס,
נאָר מיט הערנער גרויסע,
טרינקט דאָס גאַנצע וואַסער אויס,
ווי מען טרינקט אַ כוס'ה...
מיט דער צונג זיך שטאַרק באַלעקט —
ס'האָט די כוס'ה איהם געשמעקט...
חד־גדיא! חד־גדיא! חד־גדיא!
אָקסען דאָ, און אָקסען דאָרט...
אָהן אַ לשון, אָהן אַ וואָרט...
חד־גדיא! א. א. וו.

קומט דער שוחט—פּעט ווי שמאַלץ,
מיט אַ שאַרפען מעסער,

מאַכט דער מעסער איבער'ן האַלז —
בלוט רינט גאַנצע פעסער...

נאָר אַ חריף האָט מען געהערט,
ליגט דער אָקס שוין אויף דער ערד...

חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!

שוחט, שוחט,—גרינגע האַנד...
ס'גיסט זיך בלוט אין גאַנצען לאַנד!...
חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!

קומט דער מלאך-המות צוגעהן —
ער האָט געפונען אַ קרבן —
האָט דער שוחט איהם דערזעהן
איז ער האַלב געשטאָרבען.

דער שוחט וויינט און פרעגט: „פאַר וואָס?"
האָט ער בעקומען אַ שנעל אין דער נאָז...

חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!
דער מלאך-המות קלאַפּט אין דער טהיר:
עפען, עפען, איך קום נאָך דיר...

חד-גדיא! א. א. וו.

לאָזט זיך גאָט אַראָב אַליין —
ער טרייבט ניט קיין כתבות...
האָט ער אויף דער ערד דערזעהן
דעם אַלטען מלאך-המות...

גאָט האָט זיך צוגעריהרט צו זיין שווס
איז פון מלאך געוואָרען אוס...

חד-גדיא! חד-גדיא! חד-גדיא!

גאָט איז צוריק צום הימעל אַרויף —
יעדעם ליעדעל האָט אַ סוף.
חד־גדיא! חד־גדיא! חד־גדיא!

## נאָך איזהר.

ניט אַזוי דער טאָג, דער שענער
האָט מיך צוגעצויגען,
ווי דיין פּנים—דימענט ריינער,
דיינע זיסע אויגען.

ניט אַזוי די זיסע בשמים
פון די גרינע וועלדער,
ווי דיין שענקייט אונטער בלומען
אויף די ווייטע פעלדער!...

ניט אַזוי די טרויער־טענער
פון די הימעל־שטערען,
ווי דיין ליעד וואָס האָט פון שטיינער
אויסגעריסען טרעהרען.

ס׳לעצטע מאָל האָסט דו געזינגען
וואָלט איך דענסמאָלט וויסען!
האָסט דאָס האַרץ מיר דורכגעדרינגען,
און עס אויסגעריסען...

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03334

# YUDISHE FOLKS-LIEDER

Mark Warshawski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-03334-0

9780657033347T.PS